דער חוכר אויך טאהן כשם שחולקין בתבואה אזוי ווי דער בעל הבית טיילט זיך מיט דעם ארים מיט די תבואה כך חולקין בתבן ובקש אזוי זאלין זיי זיך טיילין מיט דיא שטרוי אויך כשם שחולקין ביין אזוי וויא דער בעל הבית מיט דעם ארים טיילין זיך מיט די וויין כך חולקין בזמורות ובקנים אזוי זאלין זיי זיך טיילין מיט די צווייגין אונ מיט די שטעקלאך וואס מען שטעלט אונטער די וויינשטאקין זייא זאלין ניט ליגען אויף דיא ערד. פאר וואס זאלין זייא זיך טיילין מיט די שטעקלאך ושניהם מספקין את הקנים ווייל ביידע (דער בעל הבית אונ דער ארים) מוזין געבין דיא שטעקלאך אויף-צו-הייבין די וויינשטאקין זיי זאלין ניט ליגען אויף די ערד דריבער נאכדעם ווי מען נעמט אראפ דיא וויינטרויבין נעמט דער בעל הבית זיינע שטעקלאך וואס ער האט גיגעבין אונ דער ארים נעמט זיינע שטעקלאך וואס ער האט גינעבין: ב המקבל שדה מחבירו ראובן האט אנגענומען א פעלד פון שמעון, ער זאל אין איר אקערין אונ זייען אונ די תבואה זאל ער אראפ נעמען פון פעלד פאר זיך אונ ער זאל געבין צו שמעון צעהן קארץ תבואה איאהר והיא בית השלחין אונ די פעלד איז טרוקענע ערד וואס רעגינוואסער איז פאר איר ווייניג, מען מוז איר בגיסין מיט וואסער, אונ ווען ער האט אנגענומען די פעלד איז אין איר גיוועזן א קוואל וואסער, איז גרינג גיוועזן צו בגיסין דיא פעלד או בית האילן אדער אין דיא פעלד איז געשטאנען א בוים וואס דער חוכר האט פון אים גענומען פירות אן ארבעט יבש המעין אונ דער קוואל איז אויסגעטריקנט גיווארין ונקצץ האילן אונ דער בוים איז אפ געהאקט גיווארין אינו מנכה לו מן חכורו פון דעסטוועגין מאר ניט ראובן אפ רעכענען צו שמעון פון די חכירות, נאר ער מוז אים געבין די צעהן קארץ תבואה אזוי ווי זיי האבין גירעט, ווייל דער חוכר ווען ער האט גערונגען, האט ער גאר ניט גירעט פון דעם קוואל אונ ניט פון דעם בוים אם אמר לו חכור לי שדה בית השלחין זה אויב דער חוכר האט גיזאגט צום בעל הבית פאר דינג מיר דעם בית השלחין (די טרוקענע פעלד) וועל איך דיר געבין צעהן קארץ תבואה איאהר האט ער געמיינט אויב זיא וועט זיין וויא זיא איז איצט מיט דעם קוואל. וועט ער אים געבין צעהן כורין תבואה איאהר או שדה בית האילן זה אדער דער חוכר האט גיזאגט צום בעל הבית פאר דינג מיר די פעלד וואס אין איר איז דא דער בוים וועל איך דיר געבין צעהן כור תבואה איאהר, האט ער געמיינט ווייל אין דיא פעלד איז דא דער בוים, דריבער וועט ער אים געבין צעהן כורין תבואה איאהר יבש המעין אז דער קוואל איז טרוקען גיווארין ונקצץ האילן אדער דער בוים איז אפ געהאקט גיווארין מנכה לו מן חכורו זאל ער אים אפ רעכענען פון די חכירות, זאל ער אים געבין ווייניגער וויא צעהן כור, ווי פיל מען וועט אפ שאצין (ועתוי"ט): ג המקבל שדה מחבירו ראובן האט אנגענומען א פעלד פון שמעון, ער זאל זיין א ארים והובירה אונ ער האט געלאזט ליידיג דיא פעלד, ער האט ניט גענייט אין איר שמין אותה כמה ראויה לעשות שאצט מען וויא פיל עס וואלט געוואקסין אין די פעלד דעם יאהר אז מען וואלט אין איר גענייט ונותן לו אונ דער ארים זאל געבין דעם בעל הבית זיין חלק, וויא ער האט מיט אים בדונגען שכך כותב לו ווארום אזוי שרייבט דער ארים צום בעל הבית. אם אוביר ולא אעביד אשלם במיטבא אויב איך וועל ליידיג לאזין די פעלד אונ

ד המקבל שדה מחבירו . ולא רצה לנכש ואמר לו מה איכפת לך הואיל ואני [ח] נותן לך חיכורך אין שומעין לו . מפני שיכול לומר לו . למחר אתה יוצא ממנה . [ט] ומעלה לפני עשבים : ה המקבל שדה מחבירו ולא עשתה . אם יש בה כדי להעמיד כרי . [י] חייב לטפל בה . א"ר יהודה מה קצבה בכרי . אלא אם יש בה כדי נפילה : ו המקבל שדה מחבירו ואכלה חגב או [יא] נשדפה . אם מכת מדינה היא [יב] מנכה לו מן חיכורו . אם אינה מכת מדינה .

**ברטנורא**

ד ולא רצה לנכש . לנקות התבואה מעשבים רעים שמתישים כח הקרקע ומעכבין התבואה מלעלות : מה איכפת לך . אם יחסר חלקי . שהעשבים מכחישין השבלים אתן לך חכורך כך וכך כורים שפסקתי עמך : ה המקבל שדה מחבירו . למחצה לשליש ולרביע כאריס (ה) : ולא עשתה . תבואה אלא מעט ובא לו האריס למנוע מלהתעסק בה עוד שאין בה כדי טרחו : אם יש בה כדי להעמיד כרי . לעשות מתבואתה כרי . שיש בו כדי לכסות הרחת שזורים בה התבואה והוא קרוב לסאתים : חייב לטפל בה . בע"כ : מה קצבה בכרי . אין קצבה זו ראיה שתהיה שדה גדולה כשעור כרי ושדה קטנה כשעור כרי ואינו דומה נפולה של שדה גדולה לנפולה של שדה קטנה : אלא אם יש בה כדי נפילה . כלו' כשיעור מה שזורע בה (ו) חייב לטפל בה ואין הל' כר"י : ו המקבל שדה . בחכירות כך וכך כורין (ז) : מכת מדינה . שאכלה חגב או נשתדפו רוב שדות של אותה מדינה או

**עיקר תוי"ט**

שאין שם מנהג ידוע שלא לנכש אבל אם נהגו שלא לנכש הכל הולך אחר המנהג : [ח] נותן כו' . והא ליתא אלא בחכירותא דאי בקבלנות פשיטא מי מצי א"ל מאי אכפת לך רש"י : [ט] ומעלה כו' . כלומר אפי' א"ל באחרונה אני חורש אותה מצי א"ל שמעלה לפני עשבין ע"י הזרע שנופל מהן לארץ ויצמחו לשנה הבאה ולזו לא תועיל חרישה . גמרא : (ה) דאי בחכרנות' מה לו לבעל השדה אם יחדל לו . סוף סוף חכורו הוא נותן לו . רש"י : [י] חייב כו' . מפרש בברייתא שכך כותב לו . אנא איקום ואכור ואזרע וכו' ואיקום כריא קדמך וכ"ל דלהכי לא תני ליה תנא דידן לאשמעי' דאפי' לא כתב וכמ"ש לעיל [כמ"ג] : (ו) ולפי פירש"י זרע שמפוזרין במפולת יד : (ז) דאי בקבלנות מאי מנכה איכא מאי שימלאהו יחלוקו רש"י : [יא] נשדפה . לשון שדפון : [יב] מנכה . הכל לפי ההפסד שארעו הר"מ ור"נ דאזלי' בתר שדה שלו בין להקל בין להחמיר אם אין לקוי השדות כולן שוות

---

נעל ניט ארבעטין אין איר, זאל איך דיר בצאהלין דיין חלק מיט דיא בעסטע תבואה : ד הַמְקַבֵּל שָׂדֶה מֵחֲבֵרוֹ ראובן האט אנגענומען אפעלד פון שמעון אויף חכירות וְלֹא רָצָה לְנַכֵּשׁ אונ ראובן האט ניט געוואלט אוים רייסין די שלעכטע גראז וואס וואקסט צווישען דיא תבואה וְאוֹמֵר לוֹ מַה אִכְפַּת לָךְ אונ ראובן זאגט צו שמעון וואס הארט דיך וואס איך רייס ניט אוים די שלעכטע גראז הוֹאִיל וַאֲנִי נוֹתֵן לָךְ חִכּוּרְךָ איך גיב דאך דיר דיינע חכירות אֵין שׁוֹמְעִין לוֹ פאלגט מען ניט דעם ארים נאר ער מוז אוים רייסין דיא גראז מִפְּנֵי שֶׁיָּכוֹל לוֹמַר לוֹ ווייל שמעון קען זאגין צו ראובן לְמָחָר אַתָּה יוֹצֵא מִמֶּנָּה מארגין אדער אין אנדער טאג וּמַעֲלָה לִפְנֵי עֲשָׂבִים וועסטו ארוים גיין פון די פעלד דו וועסט ניט וועלין זיין אין איר אחוכר וועט דיא גראז אויף וואקסין פאר מיר, איך זאל זיא מוזין אוים רייסין : ה הַמְקַבֵּל שָׂדֶה מֵחֲבֵרוֹ ראובן האט אנגענומען אפעלד פון שמעון, ער זאל זיין אין איר א ארים וְלֹא עָשְׂתָה אונ עם האט ניט געוואקסין נאר א ביסול תבואה. זאגט ראובן פאר דעם ביסול תבואה לוינט אים ניט צו ארבעטין אין דיא פעלד אִם יֵשׁ בָּהּ כְּדֵי לְהַעֲמִיד כְּרִי אויב עס איז דא אזוי פיל תבואה אז מען קען פון די תבואה אויף שיטען אבארג, אז מען וועט ארין שטעלין די שופלע וואס מען שופלעוועט מיט איר דיא תבואה] אין דעם בארג תבואה וועט מען זיא ניט ארוים זעהן, דאס איז נאנט פון צוויי סאה תבואה חַיָּב לְטַפֵּל בָּהּ מוז דער ארים זיך מטריח זיין צו ארבעטין ביי די תבואה אבער אז עס איז ניטא אין פעלד צווייא סאה תבואה איז דער ארים ניט מחויב זיך מטריח צו זיין אין דיא פעלד אָמַר רַבִּי יְהוּדָה האט רבי יהודה גיזאגט מַה קִּצְבָה בִּכְרִי וויא אזוי קען מען זאגין אאויסגיזעצטע מאס ביי אלע פעלדער גלייך. אויב עס איז דא אבארג תבואה פון צוויי סאה, אונ מוז דער ארים ארבעטין ביא דיא תבואה, אונ אויב עס איז ניטא צוויי סאה תבואה דארף ניט דער ארים ארבעטין אין פעלד, עס איז דא אגרויסע פעלד אונ אקליינע פעלד, ביי אקליינע פעלד קען לוינען צו ארבעטין ביא דיא גאנצע פעלד פאר די צוויי סאה, אבער ביי אגרויסע פעלד קען געווים ניט לוינען צו ארבעטין ביא דיא גאנצע פעלד פאר דיא צווייא סאה תבואה אֶלָּא אִם יֵשׁ בּוֹ כְּדֵי נְפִילָה נאר אויב עס איז דא אראפ צו נעמען פון פעלד אזוי פיל תבואה ווי פיל מען האט פארזייט, מוז דער ארים ארבעטין אין די פעלד, אונ אויב עס איז דא ווייניגער וויא מען האט פארזייט, קען מען ניט גייטין דעם ארים ער זאל ארבעטין אין דיא פעלד : ו הַמְקַבֵּל שָׂדֶה מֵחֲבֵרוֹ ראובן האט אנגענומען אפעלד פון שמעון אויף חכירות וְאֲכָלָהּ חָגָב אונ אהיישעריק האט אויף גיגעסין דיא תבואה פון פעלד אוֹ נִשְׁדְּפָה אדער דיא תבואה איז אויסגעקלאפט גיווארין פון אהאגיל אדער פון אווינט אִם מַכַּת מְדִינָה הִיא אויב די מכה איז גיוועז אין דיא מדינה ביי פיל מענטשין, די היישעריקען האבין אויף גיגעסין תבואה פון נאך אנדערע פעלדער אויך אדער דיא תבואה פון אנדערע פעלדער זענען אויך אויסגעקלאפט גיווארין מְנַכֶּה לוֹ מִן חִכּוּרוֹ זאל ער מינערין פון דיא חכירות, זאל ער אים געבין ווייניגער וויא ער האט אים צו גיזאגט אִם אֵינָהּ מַכַּת מְדִינָה אויב די מכה איז ניט גיוועז אין דיא מדינה, דיא היישעריקען האבין נאר גיגעסין די

אין מנכה לו מן חיבורו. רבי יהודה אומר אם קיבלה הימנו במעות בין כך ובין כך אינו מנכה לו מחיכורו: ז המקבל שדה מחבירו [יג] בעשרה כור חטים לשנה לקתה נותן לו מתוכה. היו חיטיה יפות. לא יאמר לו הריני ליקח לך מן השוק. אלא נותן לו מתוכה: ח המקבל שדה מחבירו לזרעה שעורים. לא יזרענה חטים חטים יזרענה שעורים. רשב"ג אוסר. תבואה [יד] לא יזרענה קטנית. קטנית יזרענה תבואה. (נ"א בהיפך). רשב"ג אוסר: ט המקבל שדה מחבירו לשנים מועטות לא יזרענה פשתן ואין לו בקורת שקמה. קיבלה הימנו לשבע שנים שנה ראשונה יזרענה פשתן. ויש לו בקורת שקמה:

אותה בקעה: אינו מנכה. דאמר לו מזלך גרם: בין כך ובין כך. אפי' הוא מכת מדינה: אינו מנכה. שעל המעות לא נגזרה גזרה: ז ולקתה. שהיו חטים שדופית: נותן לו. עשרה כורים שפסק עמו מחטים שדופית הללו ולא מצי היאך למימר ליה חטים יפות קא בעינא מינך: ח המקבל שדה מחבירו לז"עה שעורים. בחכירות כך וכך שעורים או חטים או מעות (ח): לא יזרענה חטים. שהחטים מכחישות הקרקע יותר מן השעורים: רשב"ג אוסר שקשה לקרקע כשזורעי' אותה שנה ממין זה ושנה ממין אחר (ס). ולענין פסק הלכה הכל לפי הקרקע ולפי המקום אם התנה עמו כדבר שמכחיש הקרקע מעט אינו יכול לשנות לזורע דבר שמכחיש הרבה ואיפכא שרי: ט לשנים מועטות. פחות מז' שנים: לא יזרענה פשתן. שזרע פשתן מכחיש הארץ הרבה (י) ושרשיו נשארים בקרקע עד שבע שנים: ואין לו בקורת שקמה. ען תאנה של יער

סמ"ע: [יג] בעשרה כו'. דאי בקבלנות פשיטא דכל אחד ווכס ונתחייב בחלקו רש"י: (ח) דאי בקבלנות הא אמרינן חכמים ארש' ולא חכאים מרה וכרי הוא נהנה בשינוי של זה רש"י מפני שבשבא יהיה מעתה בכיסו והוא טוב לו משישאר אותו שכא עלנו בקרקע כ"י והמגיד בשם הרמב"ן כתב דאדרבה בקבלנו' לא ישנה שיכול לומר בזו אני רוצה ועתוי"ט: (ס) ה"נ פסק עמו חטין שמא הוא זרע חטין בשנה שעברה ואם יזרענה זה שעורים נמצא זה מקולקלה. רש"י: [יד] לא כו'. פרש"י שהקטנית מכחש' הקרקע יותר מן התבואה ועתוי"ט: (י) והא לא מתוקמא

תבואה פון די פעלד, און ניט פון אנדערע פעלדער, אדער דער האגיל האט נאר אויסגעקלאפט דיא תבואה פון די פעלד אליין און ניט פון דיא אנדערע פעלדער אין מנכה לו מן חכורו זאל ער ניט מינערין פון די חכירות. ווארום מען זעהט אז דאס איז נאר דער שלעכטער מזל פון ראובן. פאר וואס זאל שמעון שאדין האבין דורך ראובן רבי יהודה אומר אם קבלה הימנו במעות רבי יהודה זאגט אויב ראובן האט געדונגען די פעלד פון שמעון ער זאל אים בצאהלין געלט בין כך ובין כך סיי אזוי און סיי אזוי סיי דער היישעריק האט אויפגיגעסין די תבואה פון אלע פעלדער און סיי ער האט נאר גיגעסין די תבואה פון דיא פעלד אינו מנכה לו מן חכורו טאר ער אים ניט אפרעכענען פון דיא חכירות: ז המקבל שדה מחברו בעשרה כור חטים לשנה ראובן האט אנגענומען אפעלד פון שמעון, ער זאל אים געבין צעהן כור ווייץ איאהר גיטץ געלט פון די פעלד ולקתה און דיא תבואה איז אויסגיקלאפט גיווארין, דיא קערנער זענען דין און קליין נותן לו מתוכה גיט ער אים צעהן כור ווייץ פון דיא ווייץ וואס האט געוואקסין אין דיא פעלד היו חטים יפות אויב אין דיא פעלד האט געוואקסין גוטע ווייץ, בעסערע ווי אין אנדערע פעלדער לא יאמר הריני ליקח מן השוק טאר ניט ראובן זאגין צו שמעון איך וועל קויפין צעהן כור ווייץ פון גאס און וועל דיר געבין אלא נותן לו מתוכה נאר ער מוז אים געבין צעהן כור ווייץ פון די ווייץ וואס האט געוואקסין אין דיא פעלד: ח המקבל שדה מחברו ראובן האט אנגענומען אפעלד פון שמעון ער זאל זיין אחוכר ער זאל געבין צו שמעון צעהן כור תבואה פון די תבואה וואס ער וועט אראפ נעמען פון די פעלד און ער האט גיזאגט צו שמעון לזרעה שעורים ער וועט זייען אין די פעלד גערשטין לא יזרענה חטים טאר ער ניט זייען אין דיא פעלד ווייץ חטים אז ראובן האט אויס גירעט מיט שמעון ער זאל אין די פעלד זייען ווייץ יזרענה שעורים מעג ער אין איר זייען גערשטין. ווארום ווייץ מאכט טער מאגער די ערד ווי גערשטין רבן שמעון בן גמליאל אוסר רבן שמעון בן גמליאל זאגט ער טאר ניט זייען גערשטין אויב ער האט אויס גירעט ער זאל זייען ווייץ תבואה אז ער האט אויס גירעט ער זאל זייען אין די פעלד תבואה לא יזרענה קטנית טאר ער ניט זייען אין דיא פעלד ארבעס קטנית אז ער האט אויס גירעט ער זאל זייען אין די פעלד ארבעס יזרענה תבואה מעג ער אין דיא פעלד זייען תבואה רבן שמעון בן גמליאל אוסר רבן שמעון בן גמליאל זאגט אויב ער האט אויס גירעט ער זאל זייען ארבעס טאר ער ניט זייען תבואה: ט המקבל שדה מחברו לשנים מועטות אז ראובן האט אנגענומען אפעלד פון שמעון אויף ווייניג יאהרין ווייניגער ווי זיבען יאהר] לא יזרענה פשתן טאר ער ניט זייען אין די פעלד פלאקס ואין לו בקורת שקמה און אויב אין דיא פעלד שטייט אבוים וואס אויף אים וואקסט ווילדע פייגן טאר ער ניט אפ האקין פון אים די צווייגין, ווארום די ווארצלין פון די פלאקס בלייבין אין די ערד ביז זיבען יאהר און מאכין מאגער דיא ערד און די צווייגין פון דיא שקמה דארפט אויך זיבען יאהר ביז זיי וואקסין אויף צוריק ווי זייא זענען גיוועזן קבלה הימנו לשבע שנים אז ער האט אנגענומען די פעלד אויף זיבען יאהר שנה הראשונה יזרענה פשתן ויש לו בקורת שקמה דעם ערשטין יאהר מעג ער זייען אין די פעלד פלאקס און מעג אפ האקין די צווייגין פון דעם

י הַמְקַבֵּל שדה מחבירו לשבוע אחת, בשבע מאות זוז השביעית [טו] מן המנין. קיבלה הימנו שבע שנים בשבע מאות זוז אין השביעית מן המנין: יא שכיר יום גובה כל הלילה שכיר לילה גובה כל היום שכיר שעות גובה כל היום וכל הלילה. שכיר שבת שכיר חדש שכיר שנה. שכיר שבוע. יצא ביום גובה כל היום. יצא בלילה גובה כל הלילה וכל היום: יב אחד שכר אדם ואחד שכר בהמה ואחד שכר כלי

אלא במכירות דאי בקבלנות מאי דבעי ליזרע שהרי כחכורות שולקים בו רש"י. כלומר ולכתוב ארעא ולא לכתוב מרה כ"י והרמב"ן חולק כדלעיל (אות ח') ועתוי"ט: [טו] מן המנין. כלומר חייב ליתן לו הז' מאות ואע"פ שאין שנה שביעית שוה לשאר שנים לפירות מ"מ שבוע קאמר ולא תלה השכר לפי השנה כמו בסיפא כ"י: (יא) רש"י ז"ל הטור קוצץ קורת שקמה בין אם ירד לתוכה בסוף שבע משקנל' בין אם ירד לתוכה בשנה שלישית או רביעית קולל' כי שלימו לה שבע שהרי יגדל לכשילא. עד שיחזרו לכמו שהיתה כשירד לתוכה: (יב) לשון רש"י העתיק דקאי אכריי' דסיימא בשכיר לילה שגובה כל היום שנאמר ביומו תתן שכרו כלומר וסיפא לא תנא וגו' ופתח רש"י בלא תנא דסיים: (יג) דשאני של יום מגל לילה משום דאין לילה הולך אחר היום והיום הולך אחר הלילה כששכירתו נמשך בלילה. ולא דמי לשכיר יום דאתמול שאינו גובה אלא כל

הוא וקוללים ענפיו לקורות הבנין והן חוזרים וגדלי' ופחות משבע שנים אינן נעשות קורות הלכך קבלה לפחות מז' שנים לא יקוץ קורות שבה דלאו אדעת' דקורות נחית דבשני' מועטות אינם חוזרים לקורות אבל קבלה לשבע שנים שנה ראשונה זורעה פשתן. וקוצץ שקמה שבה (יח): יא שכיר יום גובה כל הלילה. שלאחריו. שנאמר לא תלין פעולת שכיר אתך עד בוקר ואי אפשר לומר שבשכיר לילה הכתוב מדבר שהרי אין שכירות משתלמת אלא בסיפה דכתיב כשכיר שנה בשנה ודרשינן מניה שכירות של שנה משתלמת בתחלת שנה אחרת אלמא לא הוה זעבד ליה לשכיר יום עד שקיעת החמה וכי כתיב לא תבא ע"כ

(יב) בשכיר לילה תוקמיה שנשתעבד לו לבוקר משכלה שכירתו וכן לא תלין נמי לא תוקמיה בשכיר לילה דהא לא משתעבד ליה עד הבקר (יג): שכיר שעות גובה כל היום וכל הלילה. הכי קאמר שכיר שעות דיום גובה כל היום שכיר שעות דלילה גובה כל הלילה: שכיר שבוע. שמיטה: יצא ביום. שכלתה שכירתו בבקר או ביום: גובה כל היום. וכיון ששקעה חמה עובר עליו: יצא בלילה. שכלתה שכירתו בלילה: גובה כל הלילה וכל היום. כיון דמשלם פעולתו משתמך הו"ל שכיר לילה ואינו עובר עליו בבקר עד למחרת בשקיעת החמה: יב אחד שכר בהמה וא' שכר כלים. דכתיב לא תלין פעלת שכיר אתך. כל שפעולתו אתך ואפילו

---

בוים שקמה: י הַמְקַבֵּל שָׂדֶה מֵחֲבֵרוֹ לִשָׁבוּעַ אַחַת בְּשֶׁבַע מֵאוֹת זוז ראובן האט גיזאגט צו שמעון איך דינג ביא דיר דיין פעלד אויף אשמטה פאר זיבען הונדערט גילדין הַשְּׁבִיעִית מִן הַמִּנְיָן איז דער זיבעטער יאהר נעמער שמטה) אויך אין צאהל פון די יאהרין, אפילו די פעלד איז דאך ליידיג דעם יאהר שמטה, וואררום שמטה טאר מען דאך ניט זייען, פון דעסטוועגין מוז ראובן בצאהלין צו שמעון דיא גאנצע זיבען הונדערט גילדין, וויל ער האט גיזאגט ער דינגט אויף אשמטה, אונ אלע ווייסין אז אין אשמטה זייעט מען זעקס יאהר, אונ וואס עס וואקסט פון זיך אליין דעם זיבעטין יאהר מוז מען דאס מפקיר זיין צו אלע מענטשין קִבְּלָהּ הֵימֶנּוּ שֶׁבַע שָׁנִים בְּשֶׁבַע מֵאוֹת זוז אבער אז ראובן האט גיזאגט צו שמעון איך דינג ביי דיר די פעלד אויף זיבען יאהר פאר זיבען הונדערט גילדין אֵין הַשְּׁבִיעִית מִן הַמִּנְיָן איז דער זיבעטער יאהר (שמטה) ניט אין חשבון פון די גידונגענע זיבען יאהר (וואררום געוויס האט ראובן געמיינט זיבען יאהר וואס מען ארבעט אין זיי אין פעלד) נאר ער האלט די פעלד זיבען יאהר אויסער דעם יאהר שמטה: יא שָׂכִיר יוֹם גּוֹבֶה כָּל הַלַּיְלָה אז איינער דינגט אארבעטער ער זאל ביי אים ארבעטין אגאנצע טאג, האט דער בעל הבית צייט אגאנצע נאכט נאכדעם טאג צו בצאהלין זיינע שכירות שָׂכִיר לַיְלָה גּוֹבֶה כָּל הַיּוֹם אז איינער דינגט אארבעטער ער זאל ביי אים ארבעטין אגאנצע נאכט, האט דער בעל הבית צייט מארגין אגאנצע טאג צו בצאהלין זיינע שכירות שָׂכִיר שָׁעוֹת גּוֹבֶה כָּל הַלַּיְלָה וְכָל הַיּוֹם אז איינער דינגט א ארבעטער ער זאל ביי אים ארבעטין ביי טאג אויף אשעה אדער אויף עטליכע שעה, מוז ער אים בצאהלין דעם זעלביגען טאג איידער עס ווערט נאכט, אונ אויב ער דינגט דעם ארבעטער ער זאל ביי אים ארבעטין ביי נאכט אויף אשעה אדער אויף עטליכע שעה, מוז ער אים בצאהלין דיא זעלביגע נאכט איידער עס ווערט טאג שָׂכִיר שַׁבָּת שָׂכִיר חוֹדֶשׁ שָׂכִיר שָׁנָה שָׂכִיר שָׁבוּעַ אז איינער דינגט אארבעטער אויף אוואך אדער אויף אחודש אדער אויף איאהר אדער אויף אשמטה יָצָא בַיּוֹם אז דער ארבעטער גייט אוועק פון די ארבעט ביי טאג, די צייט ביז ווי לאנג ער איז גיוועזן פאר דונגען האט זיך אויס גילאזט ביי טאג גּוֹבֶה כָּל הַיּוֹם מוז אים דער בעל הבית בצאהלין זיינע שכירות דעם זעלביגען טאג איידער עס ווערט נאכט יָצָא בַלַּיְלָה אז דער ארבעטער גייט אוועק פון די ארבעט ביי נאכט, די צייט ביז ווי לאנג ער איז גיוועזן פאר דונגען האט זיך אויס גילאזט ביי נאכט גּוֹבֶה כָּל הַלַּיְלָה וְכָל הַיּוֹם האט דער בעל הבית צייט אים צו בצאהלין זיינע שכירות די גאנצע נאכט אונ אויף מארגין דעם גאנצין טאג ביז פארין נאכט: יב אֶחָד שְׂכַר אָדָם וְאֶחָד שְׂכַר בְּהֵמָה וְאֶחָד שְׂכַר כֵּלִים סאיי דער בעל הבית האט גדונגען אמענטש ער זאל ביי אים ארבעטין, אונ סאיי ער האט גדונגען אבהמה זיא זאל ביי אים ארבעטין, אונ סאיי ער האט גדונגען אכלי ער זאל מיט איר ארבעטין, אויב ער האט זיי גדונגען זייא זאלין ארבעטין ביא

נאכט

יש בו משום [טז] ביומו תתן שכרו ויש בו משום לא תלין פעולת שכיר אתך עד בקר. אימתי בזמן שתבעו אבל לא תבעו אינו עובר עליו. המחהו אצל חנוני. או אצל שלחני. אינו עובר עליו. שכיר בזמנו. נשבע ונוטל. עבר זמנו. אינו נשבע ונוטל. אם יש [יז] עדים שתבעו ה"ז נשבע ונוטל. גר תושב

כהנה וכלים: לא תבעו אינו עובר עליו. דכתיב אתך לדעתך ולא מדעתו: המחהו. נתקו (יד) מאצלו והעמידו אצל חנוני ואמר לו תן לפועל זה כדינר פירות ואני אשלם. או אמר לשולחני תן לו כדינר מעות: אינו עובר עליו. דכתיב אתך ולא שהמחהו אצל חנוני: שכיר בזמנו נשבע ונוטל. משום דבעל הבית טרוד בפועליו (טו) ולפעמים סבר שנתן והוא לא נתן שקלוה לשבועה מבע"ה (טז) ושדיוה אשכיר: שלא בזמנו. ואע"ג דבעל הבית טרוד בפועליו כי מטא זמן חיובא רמי אנפשיה ומדכר ולא חשוד בע"ה שהוא עובר על כל תלין: גר תושב. מקבל עליו שלא לעבוד ע"ז ואוכל נבלות אין בו משום לא תלין דכתיב

הלילה והא סיפא אתאן לר"ש וס"ל ה"נ בשכיר שעות. דרישא ורישא אתאן כר"י ולגלדין קתני (וכמו שפי' הר"ב) וס"ל נמי הכי בסיפא ול"ע על הרב והר"מ דס"ל לס' כ"ז ודהסיפא איגה הל' ועוד דלא אקשי רישא לסיפא ומתוי"ט: [טז] ביומו. כלומר משום כולא קרא דביומו דאית ביה עשה דתתן ול"ת דלא תבא וגו': (יד) ונ"ל שהוא מל' ומתי' על כתף ים כנרת דפ' מספי שמניגו הניע: (טו) גמרא ולאו דוקא פועליו דאפילו אין לו אלא פועל זה דינא הכא אלא טרוד בעסקיו קאמרי' כ"י: (טז) פי' אי מודה מקצת הוא דחייב שבועה מדאורייתא. ואפי' היכא דכופר הכל ספי הו"ל לחיובי לבעה"ב שעליו לשלם שהרי אם מודה מקצת הוא נשבע ולפי שסיתה ראוי להיות על בעה"ב קאמר דשקלוה. תו': [יז] עדים כו'. בגמרא והא קא תבע ליה

---

נאכט יש בו משום ביומו תתן שכרו מוז ער בצאהלין פאר זייער ארבעט מארגענדיגען טאג, אונ אויב עס איז שוין גיווארין נאכט אונ ער האט ניט בצאהלט איז ער עובר אמצוה ביומו תתן שכרו אין דעם וועלכינגען טאג זאלסטו געבין זיינע שכירות. (ועתוי"ט), אונ אויב ער האט זייא געדונגען זייא זאלין ארבעטין ביי טאג, מוז ער בצאהלין פאר זייער ארבעט די נאכט וואס נאך דעם טאג ביז אין דער פריה, אונ אויב עס איז שוין גיווארין טאג אונ ער האט ניט בצאהלט ויש בו משום לא תלין פעולת שכיר אתך עד בוקר איז ער עובר אויף אלאו דיא געלט פון דיין ארבעטער טאר ניט נעכטיגען ביי דיר ביז אין דער פריה אימתי ווען איז ער עובר אויף אלאו אז ער צאהלט ניט דעם ארבעטער צו דיא צייט בזמן שתבעו אז דער ארבעטער האט אים גימאהנט, אבער לא תבעו אז דער ארבעטער האט אים ניט גימאהנט, אונ ער האט ניט ניצאהלט אינו עובר עליו איז ער ניט עובר אויף דעם לאו המחהו אצל חנוני אז דער בעל הבית איז געגאנגען מיט דעם ארבעטער צו אקרעמער, אונ האט גיזאגט צום קרעמער גיב דעם ארבעטער סחורה אדער אנדערע זאכין) פאר זיינע שכירות, אונ איך וועל דיר בצאהלין, אונ דער ארבעטער האט אזוי גיוואלט או אצל שולחני אדער דער בעל הבית איז געגאנגען מיט דעם ארבעטער צו אוועלכין וואס טאהשט געלט אונ ער האט גיזאגט צו אים גיב דעם ארבעטער קליין געלט פאר זיינע שכירות, אונ איך וועל דיר בצאהלין, אונ דער ארבעטער האט אזוי גיוואלט, אפילו דער קרעמער אונ דער וואס טאהשט דיא געלט האבין ניט גיגעבין דעם ארבעטער פאר זיינע שכירות צו דיא צייט, פון דעסטוועגין אינו עובר עליו איז דער בעל הבית ניט עובר אויף אלאו ווארום וויא באלד דער ארבעטער האט איין געוויליגט צו נעמען זיין געלט פון קרעמער איז גלייך ווי דער בעל הבית האט אים שוין בצאהלט שכיר בזמנו נשבע ונוטל אפועל וואס קומט מאנען ביי דעם בעל הבית זיין ארבעט געלט, אונ דער בעל הבית זאגט איך האב דיר בצאהלט, איז דער דין אזוי. אז דער פועל קומט צו דיא צייט (דהיינו ער האט געארבעט ביי נאכט אונ ער קומט מאנען בייא טאג, אדער ער האט געארבעט ביי טאג אונ ער קומט מאנען ביי נאכט), דארף דער ארבעטער שווערין אז דער בעל הבית האט אים נאך ניט בצאהלט זיין ארבעט געלט, אונ דער בעל הבית מוז אים בצאהלין עבר זמנו אבער אז דיא צייט איז שוין אריבער געגאנגען, (ער איז געקומען מאנען זיין ארבעט געלט נאך דיא צייט וואס פריער שטייט), אונ אין די צייט האט ער ניט גימאהנט אינו נשבע ונוטל זאל דער ארבעטער ניט שווערין אונ ניט נעמען אם יש עדים שתבעו בזמנו אויב דער ארבעטער האט עדות אז ער האט גימאהנט דעם בעל הבית צו דער צייט אונ ער האט אים ניט גיגעבין, אונ איצט נאך דער צייט איז ער געקומען מיט דעם בעל הבית צו דין תורה הרי זה נשבע ונוטל זאל דער ארבעטער שווערין אז דער בעל הבית האט אים נאך ניט בצאהלט, אונ דער בעל הבית מוז אים בצאהלין (עתוי"ט) גר תושב אז איינער האט געדונגען איין ארבעטער אין ארץ ישראל וואס ער איז גיווען אבנעני אונ ער האט אויף זיך גענומען ער זאל ניט דינען צו קיין אנדערין גאר צו גאט, אבער דיא מצות וואס שטייט אין דיא תורה האלט ער ניט, אונ מען רופט אים גר תושב, ווייל ער האט זיך נאר מגייר גיווען ער זאל מעגין וואהנען אין ארץ ישראל צווישען יודין אויב מען האט דעם גר תושב געדונגען ער זאל ארבעטין בייא נאכט, דארף מען אים בצאהלין זיינע שכירות מארגענדיגען טאג, אויב עס איז

יש בו. משום ביומו תתן שכרו. ואין בו משום לא תלין פעולת שכיר אתך עד בוקר: יג המלוה את חבירו. לא ימשכננו אלא בב"ד. ולא יכנוס לביתו ליטול משכונו. שנאמר בחוץ תעמוד. היו לו שני כלים. נוטל אחד [יח] ומניח אחד. ומחזיר את הכר בלילה ואת [יט] המחרישה ביום. ואם מת [כ] אינו מחזיר ליורשיו. רבי שמעון בן גמליאל אומר אף לעצמו אינו מחזיר אלא עד שלשים יום. ומשלשים יום ולהלן. מוכרן בב"ד. אלמנה בין שהיא עניה בין שהיא עשירה אין ממשכנין אותה.

קטן ומסיק ליה עדים שתבע כל זמנו ופי' הרא"ש כגון שכיר יום בסוף הלילה ושכיר לילה בסוף היום ופריך לעולם כו' וכי שכיר משהם שכרו כ"כ זמן ארוך ומסיק אינו נשבע ונוטל אלא למחר בלבד כנגד אותו יום של תביעה אבל מכאן ואילך הממע"ה; (יז) או' ר"י דמדרבנן היא כדאמרי' בגמרא תו' וכ"י והסמ"ע כתב דהר"מ והטור ס"ל דמן התורה עובר אפי' בחוץ. עתוי"ט: (יח) דתניא ממשמע שנאמר בחוץ תעמוד וגו' איני יודע שהאיש אשר אתה נושה בו יוציא אלא מה ת"ל והאיש לרבות שליח ב"ד: (יט) ותימא ואם לא ימצא בידו היאך יכפוהו לפרוע מלותו ור"ת מפרש דלא מיירי כמשכנו לפרעון אלא שרולה להיות בטוח במעותיו (ר"ל כמ"ש בסמוך. ודוק בדבר) אבל כשרולה ליפרע ממנו שליח ב"ד נכנס לביתו הרא"ש: [יח] ומניח אחד. כלומר אחר שנוטל שניהם למשכון מניח את שהוא צריך לו והדר מפרש איזהו מניח ונקט ליה כל' חוזר והר"ב העתיק ומחזיר וניחא טפי: [יט] המחרישה. הקשה המפ' והלא כלי שעושין בו אוכל נפש הוא ואין ממשכנין אותה. ותירצו כמשכנו בלילה שאינו זמן מלאכת החרישה ולא אסרה תורה אלא שלא למשכנו בשעה שהיא ראוי לעשות מלאכה וכ"י תי' דמיירי כאס עבר וחבל ועתוי"ט: [כ] אינו כו'. אלא ימכרנו ויגבה

ברישא דקרא רעך. רעך ולא גר תושב: יג המלוה את חבירו. והגיע זמן ולא פרעו: לא ימשכננו. ליקח ממנו משכון בעל כרחו אפי' בשוק (יז) אלא ע"י שליח ב"ד שיקח ממנו ברשות ב"ד: ולא יכנס לביתו. אפי' שליח ב"ד (יח) לא יכנס לביתו וכ"ש ב"ח עצמו (יט): היו לו ב' כלים. וחובו כנגד שניהם ומשכנו בשניהם: נוטל אחד ומחזיר אחד. בשעה שהוא צריך לזה יחזירנו ויעכב השני אללו כדמפרש ואזיל מחזיר את הכר בלילה ואת המחרישה ביום: מת. הלוה אין משיב העבוט ליורשים שאין כאן מצות השבת העבוט דהשיב תשיב לו את העבוט כתיב לו ולא ליורש: עד ל' יום. זמן ב"ד. ואין הלכה כר"ש בן גמליאל: בין שהיא עניה בין שהיא עשירה וכו'. משום דאיכא למ"ד עניה הוא

אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען דֶער טָאג אוּנ מֶען הָאט נִיט בְּצָאהְלְט זַיינֶע שְׂכִירוּת יֶשׁ בּוֹ מִשּׁוּם בְּיוֹמוֹ תִּתֵּן שְׂכָרוֹ אִיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת עוֹבֵר אוֹיף דִיא מִצְוֹת עֲשֵׂה וָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה "בְּיוֹמוֹ תִּתֵּן שְׂכָרוֹ" אִין דֶעם זֶעלְבִּיגֶען טָאג וָואס נָאךְ דִי נַאכְט פוּן זַיין אַרְבֶּעט זָאלְסְטוּ בְּצָאהְלִין זַיינֶע שְׂכִירוּת, אוּנ אוֹיבּ מֶען הָאט אִים גֶעדוּנְגֶען עֶר זָאל אַרְבֶּעטִין בַּיי טָאג, דַארְף מֶען אִים בְּצָאהְלִין זַיינֶע שְׂכִירוּת דִיא נַאכְט וָואס נָאךְ דֶעם טָאג, אוֹיבּ עֶס אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען דִי נַאכְט אוּנ מֶען הָאט אִים נִיט בְּצָאהְלְט זַיינֶע שְׂכִירוּת אִיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת נִיט עוֹבֵר אוֹיף דֶעם לָאו פוּן "לֹא תָלִין פְּעוּלַּת שָׂכִיר אִתְּךָ עַד בֹּקֶר" דִיא אַרְבֶּעט גֶעלְט פוּן דֶעם אַרְבֶּעטֶער וָואס הָאט בַּיי דִיר גֶעאַרְבֶּעט בַּייא טָאג) זָאל נִיט נֶעכְטִיגֶען בַּייא דִיר בִּיז אִין דֶער פְרִיה, וַוייל אִין דֶעם פָּסוּק שְׁטֵייט דֶער וָוארְט רֵעֶךָ, אוֹיבּ דֶער פוֹעֵל אִיז אַזוֹי אַיוּד וִוי דוּ בִּיזְט, טָאר נִיט דָאס גֶעלְט פוּן זַיין אַרְבֶּעט וָואס עֶר הָאט בַּיי דִיר גֶעאַרְבֶּעט בַּיי טָאג גֶעכְטִיגֶען בַּייא דִיר בִּיז אִין דֶער פְרִיה נָאר בַּיי נַאכְט מוּזְטוּ אִים בַּצָאהְלִין זַיין אַרְבֶּעט גֶעלְט, אָבֶּער אַז עֶר אִיז גִיוֶועזְן אַכְּנַעֲנִי אוּנ אִיצְט אִיז עֶר אַגֵר תּוֹשָׁב, מֶעגְסְטוּ אִים שְׁפֶּעטֶער בְּצָאהְלִין: יג הַמַּלְוֶה אֶת חֲבֵירוֹ רְאוּבֵן הָאט פַאר בָּארְגְט גֶעלְט צוּ שִׁמְעוֹן, אוּנ עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט שִׁמְעוֹן זָאל בְּצָאהְלִין אוּנ עֶר הָאט נִיט בְּצָאהְלְט לֹא יְמַשְׁכְּנֶנּוּ אֶלָּא בְּבֵית דִּין טָאר נִיט רְאוּבֵן נֶעמֶען אַמַשְׁכּוֹן בַּיי שִׁמְעוֹן, נָאר דוּרְךְ בֵּית דִין. בֵּית דִין שִׁיקֶען זַייעֶר שָׁלִיחַ צוּ שִׁמְעוֹן אוּנ דֶער שָׁלִיחַ נֶעמְט בַּיי שִׁמְעוֹן אַמַשְׁכּוֹן וְלֹא יִכָּנֵס לְבֵיתוֹ לִיטּוֹל מַשְׁכּוֹנוֹ אוּנ דֶער שָׁלִיחַ פוּן בֵּית דִין טָאר נִיט אַרַיין גֵיין צוּ שִׁמְעוֹן אִין שְׁטוּבּ

נֶעמֶען בַּיי אִים אַמַשְׁכּוֹן שֶׁנֶּאֱמַר וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק בַּחוּץ תַּעֲמוֹד דוּ זָאלְסְט שְׁטֵיין אוֹיסֶער דִי שְׁטוּבּ. אוּנ דֶער וָואס אִיז שׁוּלְדִיג דָאס גֶעלְט זָאל דִיר אַרוֹיס טְרָאגֶין דֶעם מַשְׁכּוֹן הָיוּ שְׁנֵי כֵּלִים אוֹיבּ שִׁמְעוֹן הָאט גֶעהַאט צְוֵויי כֵּלִים, אוּנ דֶער חוֹב אִיז אַזוֹי פִיל וִוי דִי בֵּיידֶע כֵּלִים זֶענֶען וֶוערְט, טָאר מֶען נִיט נֶעמֶען בֵּיידֶע כֵּלִים נוֹטֵל אֶחָד וּמַנִּיחַ אֶחָד אֵיין כְּלִי נֶעמְט עֶר בַּיי שִׁמְעוֹן אוּנ אֵיין כְּלִי לָאזְט עֶר בַּיי שִׁמְעוֹן. וֶוען שִׁמְעוֹן דַארְף דִי עֶרְשְׁטֶע כְּלִי גִיט עֶר דֶעם מַלְוֶה דִי אַנְדֶערֶע כְּלִי, אוּנ נֶעמְט בַּיי אִים דִי עֶרְשְׁטֶע כְּלִי אוּנ וֶוען שִׁמְעוֹן דַארְף דִי אַנְדֶערֶע כְּלִי, גִיט עֶר דֶעם מַלְוֶה דִי עֶרְשְׁטֶע כְּלִי אוּנ נֶעמְט בַּיי אִים דִי אַנְדֶערֶע כְּלִי וּמַחֲזִיר אֶת הַכַּר בַּלַּיְלָה אוֹיבּ דֶער מַלְוֶה הָאט גֶענוּמֶען בַּיי שִׁמְעוֹן אַקִישִׁין מוּז עֶר אַוֶועק גֶעבִּין דִי קִישִׁין צוּ שִׁמְעוֹן בַּיי נַאכְט. אוּנ דֶעם אַקֶער הַאלְט דֶער מַלְוֶה בַּיי זִיךְ אַגַאנְצֶע נַאכְט וְאֶת הַמַּחֲרֵישָׁה בַּיּוֹם אוּנ דֶעם אַקֶער גִיט דֶער מַלְוֶה אַוֶועק צוּ שִׁמְעוֹן בַּיי טָאג, אוּנ דִי קִישִׁין נֶעמְט דֶער מַלְוֶה צוּ זִיךְ אוֹיף דֶעם גַאנְצִין טָאג וְאִם מֵת אוּנ אוֹיבּ דֶער לֹוֶה (שִׁמְעוֹן) אִיז גִישְׁטָארְבִּין אֵינוֹ מַחֲזִיר לְיוֹרְשָׁיו דַארְף נִיט דֶער מַלְוֶה צוּרִיק גֶעבִּין דֶעם מַשְׁכּוֹן צוּ זַיינֶע יוֹרְשִׁים. נָאר עֶר הַאלְט דֶעם מַשְׁכּוֹן בַּיי זִיךְ בִּיז מֶען בְּצָאהְלְט אִים זַיין חוֹב רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן גַּמְלִיאֵל אוֹמֵר רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן גַּמְלִיאֵל זָאגְט אַף עַצְמוֹ אֵינוֹ מַחֲזִיר אֶלָּא עַד שְׁלֹשִׁים יוֹם אֲפִילוּ צוּ דֶעם לֹוֶה אַלֵיין דַארְף דֶער מַלְוֶה צוּרִיק גֶעבִּין דֶעם מַשְׁכּוֹן נָאר בִּיז דְרַייסִיג טֶעג וּמִשְּׁלֹשִׁים יוֹם וּלְהַלָּן אוּנ פוּן דְרַייסִיג טֶעג אוּנ וַוייטֶער מוֹכְרָן בְּבֵית דִין פַארְקוֹיפְט דֶער מַלְוֶה דִי מַשְׁכְּנוֹת דוּרְךְ בֵּית דִין אוּנ נֶעמְט אָפּ זַיין חוֹב אַלְמָנָה בֵּין שֶׁהִיא עֲנִיָּה בֵּין שֶׁהִיא עֲשִׁירָה אֵין מְמַשְׁכְּנִין אוֹתָהּ

א אלמנה

חובו רכ"י. אבל בחייו לעולם הם כתורת חזרה כו' וממשכנין מעיקרא שלא תהא שביעית משמטתו ולא יעשה מטלטלין אבל בגיז - גמרא. וכפעם אחד די וחוזרין וממשכנין כדי שלא יוכל לכפור ועוד כדי שיתביישו וימהר לפרוע תר': (כ) דהא ואם איש עני סוף לא תשכב בעבוטו סוף דכתיב: [כח] ולא כו'. אפי' לאדם אחר הוא אסור למשכון תביתו אלא לעבור עליה שני לאוין ודעת הר"מ דבאלמנה אפילו בחוץ ובב"ד אסור. ועתוי"ט: [כב] החובל כו'. דעת הר"מ שאפי' בשעת הלואה אסור (וכן דעתו באלמנה) ואינו מתוור נ"י: [כג] רחים.

דאין ממשכנין שמתוך שאתה צריך להחזיר לה והיא נכנסת ויוצאת אצלך אתה משיאה שם רע בשכנותיה אבל עשירה דליכא למימר (כ) הכי אימא ממשכן. קמ"ל האי תנא דלא דכתיב לא תחבול בגד אלמנה א' עניה ואחד עשירה במשמע: משום שני כלים. העליונה רכב והתחתונה ריחים:

שנאמר [כח] ולא תחבול בגד אלמנה. [כב] החובל את [כג] הריחים עובר בלא תעשה. וחייב [כד] משום שני כלים. [כה] שנאמר לא יחבול ריחים ורכב. [כו] ולא ריחים ורכב בלבד אמרו אלא כל דבר שעושין בו אוכל נפש. שנאמר כי נפש הוא חובל:

פי' על יד פסוק מטלטלין ופייך בית משכון. אבל בתי רחיים של מים. הרי הם כקרקע ולא שייך ביה משכון אלא נוכיינא כספר קרקעות דלא שייך ביה משכון אלא במטלטלים שאין ממשכנין ליקח קרקע למשכון טור: [כד] משום ב'. פי' בהתראה אחת אם מבל כפעם א' רחים ורכב לוקה שתים דאי בשתי התראות אפילו רחים ורכב חייב. עתוי"ט: [כה] שנאמר כו'. כלומר וכיון דקרא פי' תרווייהו וכל אחד שם כפ"ע סוף התראותיהן חלוקים לא הוו לאו שבכללו': [כו] ולא כו' אמרו כלומר מה שאמרו חכמים דחייב משום ב' כלים ואע"פ שהם למלאכה א' לא כו'. ועתוי"ט:

אַ אַלְמָנָה אַז זִיא אִיז שׁוּלְדִיג גֶעלְט אוּנ בְּצָאהְלְט נִיט, סַאיי זִיא אִיז אָרֶעם אוּנ סַאיי זִיא אִיז רַייךְ, טָאר מֶען נִיט נֶעמֶען בַּייא אִיר אַמַשְׁכּוֹן שֶׁנֶּאֱמַר וואָרוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְלֹא תַחֲבוֹל בֶּגֶד אַלְמָנָה דִי קְלֵייד פוּן אַאַלְמָנָה זָאלְסְטוּ נִיט נֶעמֶען פַאר אַמַשְׁכּוֹן, אוּנ נִיט נָאר דִי קְלֵייד טָאר מֶען נִיט נֶעמֶען בַּייא דִי אַלְמָנָה, נָאר אֵיין אַנְדֶער מַשְׁכּוֹן טָאר מֶען אוֹיךְ נִיט נֶעמֶען בַּייא אִיר הַחוֹבֵל אֶת הָרֵיחַיִם אַז דֶער מַלְוֶה נֶעמְט אַמַשְׁכּוֹן אַמִיהְל שְׁטֵיין עוֹבֵר בְּלֹא תַעֲשֶׂה אִיז עֶר עוֹבֵר אוֹיף אַלַאו וְחַיָּיב מִשּׁוּם שְׁנֵי כֵלִים אוּנ אִים קוּמְט צְווייא מָאהְל מַלְקוֹת, אוֹיף דִיא בֵּיידֶע. שְׁטֵיינֶער פוּן דֶעם מִיהְל שְׁטֵיין וָואס עֶר הָאט גֶענוּמֶען שֶׁנֶּאֱמַר וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דברים קפיטול כד פסוק ו) לֹא יַחֲבוֹל רֵחַיִם וָרָכֶב מֶען זָאל נִיט נֶעמֶען אַמַשְׁכּוֹן אַמִיהְל שְׁטֵיין נִיט דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטִין שְׁטֵיין אוּנ נִיט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטִין שְׁטֵיין, אוּנ אַז עֶר נֶעמְט בֵּיידֶע שְׁטֵיינֶער קוּמְט אִים צְווייא מָאהְל מַלְקוֹת וְלֹא רֵחַיִם וָרֶכֶב בִּלְבַד אָמְרוּ אוּנ נִיט נָאר אַמִיהְל שְׁטֵיין אַלֵיין הָאט מֶען גִיזָאגְט אַז מֶען טָאר נִיט נֶעמֶען פַאר אַמַשְׁכּוֹן אֶלָּא כָּל דָּבָר שֶׁעוֹשִׂין בּוֹ אוֹכֶל נֶפֶשׁ נָאר יֶעדֶער זַאךְ וָואס דֶער לוֹוֶה פַארְדִינְט מִיט דֶער זַאךְ צוּם עֶסִין, אוּנ אַז מֶען וֶועט דִי זַאךְ בַּיי אִים צוּ נֶעמֶען פַאר אַמַשְׁכּוֹן וֶועט עֶר נִיט הָאבִּין פוּן וָואנֶען צוּ לֶעבִּין, טָאר מֶען נִיט נֶעמֶען דִי כֵּלִי פַאר אַמַשְׁכּוֹן שֶׁנֶּאֱמַר וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַטַעַם פַאר וָואס טָאר מֶען נִיט נֶעמֶען דֶעם מִיהְל שְׁטֵיין כִּי נֶפֶשׁ הוּא חוֹבֵל וָוארוּם עֶר נֶעמְט בַּיי אִים דֶעם נֶפֶשׁ, עֶר וֶועט נִיט הָאבִּין פוּן וָואנֶען צוּ לֶעבִּין וֶועט עֶר שְׁטַארְבִּין פַאר הוּנְגֶער. אַזוֹי יֶעדֶער זַאךְ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט דֶער פוּן טָאר מֶען דָאס נִיט נֶעמֶען בַּיי אִים פַאר אַמַשְׁכּוֹן:

רש"י — גמרא ב"מ דף קי"ז ע"א — רש"י

לא תזבין. לא תקנה שדה הסמוכה לעיר שטין כני העיר. הלטה ס' כלה כלי החילון דלא דמלכות דבריאה בם אדם שולטת בה תמיד: אסור לאדם וכו'. שלא

אמר ליה רב יהודה לרבין בר רב נחמן רבין אחי לא תזבין ארעא דסמיכא למתא דא"ר אבהו אמר רב הונא אמר רב אסור לו לאדם שיעמוד על שדה חבירו בשעה שעומדת בקמותיה. איני והא אשכחינהו ר' אבא לתלמידי דרב אמר להו מאי אמר רב בהני קראי ברוך אתה בעיר וברוך אתה בשדה ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך ואמרו ליה

אָמַר לֵיהּ רַב יְהוּדָה לְרָבִין בַּר רַב נַחְמָן רַב יְהוּדָה הָאט גִיזָאגְט צוּ רָבִין דֶער זוּהְן פוּן רַב נַחְמָן רָבִין אָחִי רָבִין מַיין בְּרוּדֶער לֹא תִּזְבּוֹן אַרְעָא דִּסְמִיכָא לְמָתָא זָאלְסְט נִיט קוֹיפִין אַפֶעלְד וָואס זִיא אִיז נָאנְט צוּ אַשְׁטָאט, דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן שְׁטָאט זָאלִין נִיט קֶענֶען קוּקֶען אוֹיף דִיא תְּבוּאָה פוּן דַיין פֶעלְד וֶועלִין זַייא דִיר קֵיין עַיִן הָרָע גֶעבִּין. פוּן וָואנֶען וַוייסִין מִיר אַז מֶען קֶען גֶעבִּין אַעַיִן הָרָע דְּאָמַר רַבִּי אַבָּהוּ אָמַר רַב הוּנָא אָמַר רַב וָוארוּם רַבִּי אַבָּהוּ הָאט גִיזָאגְט רַב הוּנָא הָאט גִיזָאגְט פוּן רַב'ס וֶועגִין אָסוּר לוֹ לְאָדָם שֶׁיַּעֲמוֹד עַל שְׂדֵה חֲבֵירוֹ בְּשָׁעָה שֶׁעוֹמֶדֶת בְּקָמוֹתֶיהָ אַמֶענְטְשׁ טָאר נִיט שְׁטֵיין גֶעבִּין זַיין חֲבֵר'ס פֶעלְד וֶוען אִין דִי פֶעלְד שְׁטֵייט פֶערְטִיגֶע תְּבוּאָה צוּם אָפְּשְׁנֵיידִין, עֶר זָאל נִיט גֶעבִּין אַעַיִן הָרָע. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא אִינִי עֶס אִיז דָאךְ נִיט אַזוֹי וְהָא אַשְׁכְּחִינְהוּ רַבִּי אַבָּא לְתַלְמִידֵי דְּרַב רַבִּי אַבָּא הָאט גִיטְרָאפִין דִי תַּלְמִידִים פוּן רַב אָמַר לְהוּ הָאט רַבִּי אַבָּא גִיזָאגְט צוּ דִיא תַּלְמִידִים מַאי אָמַר רַב בְּהָנֵי קְרָאֵי וָואס הָאט רַב גִיזָאגְט בַּיי דִי פְּסוּקִים בָּרוּךְ אַתָּה בָּעִיר גִיבֶּענְטְשְׁט וֶועסְטוּ זַיין אִין שְׁטָאט וּבָרוּךְ אַתָּה בַּשָּׂדֶה אוּנ גִיבֶּענְטְשְׁט וֶועסְטוּ זַיין אִין פֶעלְד בָּרוּךְ אַתָּה בְּבוֹאֶךָ גִיבֶּענְטְשְׁט וֶועסְט זַיין וֶוען דוּ וֶועסְט קוּמֶען וּבָרוּךְ אַתָּה בְּצֵאתֶךָ אוּנ גִיבֶּענְטְשְׁט וֶועסְטוּ זַיין וֶוען דוּ וֶועסְט אַרוֹיס גֵיין וְאָמְרוּ לֵיהּ

**רש"י**

יפסידנה בעין הרע : קרובין לעיר. שלא יהא טורח להכניס פירות : ספק נדה. וכל שכן ודאי : ואמר להו. רבי אבא ר' יוחנן לא אמר הכי : סמוך לשולחנך. כלומר סמוך לביתך שלא תצטרך להרחיק בשדות והא דנקט שולחנך שתוכל לבדוק עצמך לפני אכילה ולאחר אכילה כדאמרינן בשבת כדתניא הצריך לנקביו ואוכל דומ' לתנור שהסיקוהו על גבי אפר' ואמר אכילה שהמאכל דוחק ומוליא את המשוכל ואם יהא צריך להרחיק

**גמרא**

הכי אמר רב ברוך אתה בעיר שיהא ביתך סמוך לביהכ"נ ברוך אתה בשדה שיהא נכסיך קרובים לעיר ברוך אתה בבואך שלא תמצא אשתך ספק נדה בשעת ביאתך מן הדרך ברוך אתה בצאתך שיהיו צאצאי מעיך כמותך ואמר להו רבי יוחנן לא אמר הכי אלא ברוך אתה בעיר שיהא בית הכסא סמוך לשולחנך אבל בהכ"נ לא ורבי יוחנן לטעמיה דאמר שכר פסיעות יש. ברוך אתה בשדה שיהיו נכסיך משולשים שליש בתבואה שליש בזתים שליש בגפנים. ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך שתהא יציאתך מן העולם כביאתך לעולם מה ביאתך לעולם בלא חטא אף יציאתך מן העולם בלא חטא ל"ק הא דמהדר לי' שורא ורתקא. הא דלא

**רש"י**

פעמים שהעמוד חוזר ובא לידי הדרוקן אבל בית הכנסת סמוך לביתו לר' יוחנן לאו מעליותא הוא רבי יוחנן לטעמיה דאמר במסכת סוטה שכר פסיעות יש דאמר למדנו יראת חטא מבתולה וקבול שכר מאלמנה שאמרה לו ולא שכר פסיעות יש אם יש בית הכנסת בשכונה ואני באה לבית מדרשך להתפלל : משולשין. שיש שנה שלוקה בגפנים ובזיתים ואין לוקה בתבואה ויש שנה שלוקה בזו ולא בזו ותהי לו פליטה : לא קשיא. דרב אדרב : שורא ורתקא

---

האבין די תלמידים גיזאגט צו רבי אבא הכי אמר רב אזוי האט רב גיזאגט ברוך אתה בעיר דו וועסט זיין גיבענטשט אין שטאט שיהא ביתך סמוך לבית הכנסת דיין שטוב וועט זיין נאנט צו דיא שוהל ברוך אתה בשדה דו וועסט זיין גיבענטשט אין פעלד שיהא נכסיך קרובים לעיר דיינע פעלדער וועלין זיין נאנט צו דיא שטאט, וועסטו קענען אויף זיי אכטונג געבין ברוך אתה בבואך דו וועסט זיין גיבענטשט ווען דו וועסט קומען אהיים שלא תמצא אשתך ספק נדה בשעת ביאתך מן הדרך ווען דו וועסט קומען פון וועג צו זיך אהיים וועסטו ניט טרעפין פון דיין ווייב אז בייא איר וועט זיין אספק צו זיא איז אנדה אדער ניין. נאר דו וועסט איר טרעפין זיא איז געווים אנדה, אדער געווים קיין נדה, ווארום אויב ער וועט איר טרעפין געווים קיין נדה, איז געווים גוט, אונ אפילו ער וועט איר טרעפין געווים אנדה, וועט ער אויך קיין צער האבין אונ וועט אויף איר ניט זיין בייז, ווארום ער ווייס אז יעדער אשה זעהט דם נדות, אונ ער ווייס אז אנדה האט דיא תורה געאסרת צום מאן, אבער אז ער טרעפט זיא איז אספק נדה, ערשטונס וועט ער זיין בייז אויף זיין ווייב פאר וואס האט זיא ניט אכטונג גיגעבין זיא זאל וויסען געווים אויב זיא איז טהור אבער ניין, צווייטינס טאמער וועט ער אנהייבין קלערין ער זאל איר קענען טהור מאכין, ווייל די תאוה וועט אים פארבלענדין דיא אויגין, קען זיין ער וועט לערנען אפאלשין דין אונ וועט זאגין זיא איז טהור אונ אין אמת האט ער אטעות אין דין, זיא איז טמא ברוך אתה בצאתך דו וועסט זיין גיבענטשט מיט דיא וואס וועלין ארויס גיין פון דיר שיהיו צאצאי מעיך כמותיך דיא קינדער וואס וועלין ארויס גיין פון דיינע גידערים וועלין זיין ווייא דו ביזט ואמר להו האט רבי אבא גיזאגט צו די תלמידים רבי יוחנן לא אמר הכי רבי יוחנן האט ניט אזוי גיזאגט אלא נאר אזוי האט רבי יוחנן גיזאגט ברוך אתה בעיר גיבענטשט וועסטו זיין אין שטאט שיהא בית הכסא סמוך לשולחנך דו וועסט האבין אבית הכסא נאנט נעבין דיין טיש אבל בית הכנסת לא אבער אשוהל וועסטו ניט האבין נאנט צו דיין שטוב ורבי יוחנן לטעמיה אונ רבי יוחנן לערונט ווייא זיין מיינונג איז דאמר שכר פסיעות יש וואס ער זאגט מען גיט שכר פאר דיא טריט וואס דער מענטש גייט צו טאהן אמצוה, וואס מער טריט ער האט צו גיין צו דיא מצוה האט ער מער שכר, דריבער אז די שוהל איז ווייטער איז בעסער ברוך אתה בשדה גיבענטשט וועסטו זיין אין פעלד שיהיו נכסיך משולשים דיינע פעלדער וועלין זיין געטיילט אין דריי טייל שליש בתבואה אויף אדריטיל וועט וואקסין תבואה שליש בזיתים אויף אדריטיל וועט וואקסין איילבירטען שליש בגפנים אויף אדריטיל וועט וואקסין ווינשטאקין וברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך גיבענטשט וועסטו קומען אונ גיבענטשט וועסטו זיין ווען דו וועסט ארויס גיין, דאס מיינט מען שתהא יציאתך מן העולם כביאתך לעולם דיין ארויס גיין פון דער וועלט וועט זיין אזוי ווייא דיין קומען אויף דער וועלט מה ביאתך לעולם בלא חטא אזוי ווייא דיין קומען אויף דער וועלט איז דאך אן אזינד אף יציאתך מן העולם בלא חטא אזוי וועט זיין דיין ארויס גיין פון דיא וועלט אן אזינד קיי ווייא איז דאך אקשיא, רב הונא זאגט פון רב'ס וועגין מען דארף מורא האבין פאר עין הרע, אונ רב זאגט עס איז אברכה אז אפעלד איז נאנט צו דיא שטאט, אונ מען האט ניט מורא פאר עין הרע, ענפערט די גמרא לא קשיא עס איז קיין קשיא הא דמהדר ליה שורא ורתקא אויב עס איז דא ארום דיא פעלד אטאהער אדער אהויבער פארקאן, מען זאל ניט קענען אריבער קוקען ביז אין פעלד, איז גוט אז אפעלד איז נאנט צו שטאט הא דלא

מהדר

מהדר ליה שורא ורתקא. והסיר ה' ממך כל חולי אמר רב זו עין רעה רב לטעמיה דרב סליק לבי קברי עבד מאי דעבד אמר תשעים ותשע בעין רעה ואחד בדרך ארץ ושמואל אמר זה הרוח שמואל לטעמיה דאמר שמואל הכל ברוח ולשמואל הא איכא הרוגי מלכות הנך נמי אי לאו זיקא עבדו להו סמא וחיי:

**תוספות** תשעין וט' מתו בעין הרע וא' כדרך ארץ. וא"ת א"כ כני יוסף שלא שלטה בהן עין הרע היה לכן לחיות הרבה מכל השבטים וי"ל שמתו כדרך אכן יותר מאחרי' כשהקדוש ברוך הוא היה רוצה להמיתן היה שולח להם חלאים אחרים:

**רש"י** חומה ורתוקת גדר של גלריס כמו חיל וחומה: כל חולי. דבר שכל החלאים תלוים בו וזו עין רעה: עבד מה דעבד. יודע היה ללחוש על הקברות ולהבין על כל קבר וקבר באיזו מיתה מת אם מת בזמנו או בעין רעה: הכל ברוח. כל החולאים ותולאות מיתה על נשיבת הרוח באים הכל לפי השעה והאדם יש לך אדם שרוח פלוני קשה לו ובשעה פלוני: והאיכא הרוגי מלכות. הרוגי חרב: אי לאו זיקא. שנכנס במכה: עבדי סמא וחיו. סם המחבר בשר חתוכה ומין העשבים הוא כדאמר בהמוכר את הספינה:

מְהַדַר לֵיהּ שׁוּרָא וְרַתְקָא אוּנ אַרוּם אַרוּם דִיא פֶעלְד אִיז גִיטָא אַמָאהֶער אוּנ נִיט אַפַּארְקָאן אוּנ יֶעדֶער קֶען זֶעהֶן דִי תְבוּאָה פוּן פֶעלְד, אִיז נִיט גוּט אַז דִיא פֶעלְד אִיז נֶעבִּין שְׁטָאט, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְהֵסִיר ה' מִמְךָ כָּל חוֹלִי גָאט וֶועט אָפְּטָאהֶן פוּן דִיר אַלֶע קְרַאנְקַייט אָמַר רַב זוּ עַיִן הָאט רַב גִיזָאגְט דָאס מֵיינְט מֶען דִיא קְרַאנְקַייט פוּן עַיִן הָרַע וֶועט גָאט אָפְּטָאהֶן רַב לְטַעֲמֵיהּ רַב זָאגְט נָאךְ זַיין מֵיינוּנְג דְרַב סָלִיק לְבֵי קִבְרֵי רַב אִיז אַמָאהְל גִיוֶוען אוֹיף אַבֵּית הַקְבָרוֹת עֲבַד מַאי דַעֲבַד עֶר הָאט דָארְט גִיטָאהֶן וָואס עֶר הָאט גִיטָאהֶן, רַב הָאט גֶעקֶענְט וִויסֶען אוֹיף יֶעדֶער קֶבֶר דוּרְךְ וֶועלְכֶע קְרַאנְקַייט דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גִישְׁטָארְבִּין אָמַר צ"ט בְּעַיִן רָעָה וְאֶחָד בְּדֶרֶךְ אֶרֶץ הָאט רַב גִיזָאגְט נַיין אוּנ נַיינְצִיג מֶענְטְשִׁין זֶענֶען גִישְׁטָארְבִּין פוּן עַיִן הָרַע אוּנ אֵיינֶער אִיז גִישְׁטָארְבִּין פוּן אַגְעוֶוענְלִיכֶע קְרַאנְקַייט, אָדֶער מִיט זַיין עֶלְטֶער וּשְׁמוּאֵל אָמַר זֶה הָרוּחַ שְׁמוּאֵל זָאגְט דִי אַלֶע קְרַאנְקַייט וָואס גָאט וֶועט אָפְּטָאהֶן מֵיינְט מֶען עֶר וֶועט אָפְּטָאהֶן דִיא שְׁלֶעכְטֶע ווינְטֶען שְׁמוּאֵל לְטַעֲמֵיהּ שְׁמוּאֵל זָאגְט נָאךְ זַיין מֵיינוּנְג דְאָמַר שְׁמוּאֵל הַכֹּל בְּרוּחַ וָוארוּם שְׁמוּאֵל הָאט גִיזָאגְט אַלֶע קְרַאנְקַייטִין אוּנ אַלֶע מֶענְטְשִׁין וָואס שְׁטַארְבִּין) קוּמֶען פוּן שְׁלֶעכְטֶע ווינְטֶען, פְרֶעגְט דִי גְמָרָא וּשְׁמוּאֵל הָא אִיכָּא הֲרוּגֵי מַלְכוּת ווִי אַזוֹ קֶען שְׁמוּאֵל זָאגִין אַז אַלֶע שְׁטַארְבִּין נָאר פוּן ווִינְט, עֶס זֶענֶען דָאךְ דָא מֶענְטְשִׁין וָואס וֶוערִין גֶעהַרְגֶעט ווייל זַייא הָאבִּין פַארְזִינְדִיגְט צוּם מֶלֶךְ, הֶט שְׁמוּאֵל גִיזָאגְט הָנָךְ נַמִי דִי שְׁטַארְבִּין אוֹיךְ פוּן ווִינְט אִי לָאו זִיקָא וָוארוּם וֶוען נִיט דֶער ווִינְט וָואס גֵייט אַרַיין אִין דִי מַכָּה עָבְדֵי לְהוּ סַמָּא וְחַיֵי וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט מַאכִין אַרְפוּאָה עֶר וָואל בְּלַייבִּין לֶעבִּין:

## זוהר תרומה דף קל"ב ע"ב ת"ת דאגלות יוד הא ואו הא

אל כרוך דא סדורן דאחיון זעירין ותקוני כנסת ישראל בכל יומא בגלותא. ובגין דאינון אתוון זעירין לית רווחא ביניהו ואינון תקוני עולימתן דאתיין עם מטרוניתא לגבי מלכא עלאה. קדושה דא דקא מקדשי מלאכי עלאי לאו איהו ביחיד והא אוקימנא כל קדושה דאיהו בלשון הקודש יחיד אסור ליה למימר. תרגום לעולם ביחיד ולא בסגיאין ויחיד איהו תקונא דיליה ודאי ולא סגיאין. וסימן לרזא דא שנים מקרא ואחד תרגום. שנים לישנא דסגיאין איהו דודאי קדושה דלשון הקדש אסור איהי ביחיד. קדושת תרגום אסור איהי בסגיאין אלא ביחיד לעולם. אחד תרגום תנינן ולא תרין ולא יתיר. תרגום אתיא למיעוטא והכי אצטריך. לשון הקדש אתיא לרבוייא והכי אצטריך. דמעלין בקדש ולא מורידין. ובתרגום מורידין ולא מעלין. אחד תנינן ולא יתיר ולא מעלין כלל. קדושה דא קדושתא דאתקדשת שכינתא וכל אינון רתיכין דילה לאתתקנא לגבי מלכא עלאה. ובגין דאיהי קדושת עלמא תתאה איהי מיושב ולא בעמידה. קדושה אחרא דאהדורי לגותא איהו קדושתא דעלמא עלאה ובגין כך איהי בעמידה בגין לאמשכא לה לתתא וכל מלוי דעלמא עלאה איהי בעמידה ולא מיושב. ובכל הני קדושתי ישראל מתקדשי בהו לתתא. וע"ד ישראל מתקדשי בקדושא דרתיכא תתאה מיושב ובקדושה דרתיכא עלאה מעומד. קדושה אחרא איהי תוספת קדושה בגיני כך איהי בתר צלותא. ובגין דאיהי תוספת קדושה על קדושן אחרנין איהי לבתר צלותא. ובגין דכל חד וחד בעי לאמשכא עליה מההוא תוספת אתתקן לכל יחיד ויחיד קדושת תרגום. ואי תימא הא אית בה קדושת לשון הקדש. ההוא לגבור לאתקדשא כלהו בכלל בההוא תוספת קדושה. ובגין דיחיד לית ליה רשות לאומרה בלשון הקדש ולאתקדשה יחידאי אתקינו לה בלשון תרגום ואיהו ביחיד לאתקדשא כל חד וחד בההוא תוספת לאמשכא עליה קדושה יתיר. זכאה חולקיהון דישראל דקא מתקדשי בקדושי עלאי בגין דאינון דבקין לעילא דכתיב (דברים ד) ואתם הדבקים בה' אלהיכם חיים כלכם היום:

## הלכה פסוקה

### הרמב"ם הלכות ק"ש פרק ג

(א) הקורא את שמע רוחץ ידיו במים קודם שיקרא הגיע זמן קריאתה ולא מצא מים קודם שיקרא לא יאחר קריאתה וילך לבקש מים אלא מקנח ידיו בעפר או בצרור או בקורה וכיוצא בהן וקורא: (ב) אין קורין לא בבית המרחץ ולא בבית הכסא אע"פ שאין בו צואה ולא בבית הקברות ולא בצד המת עצמו ואם הרחיק ארבע אמות מן הקבר או מן המת מותר לקרות וכל מי שקרא במקום שאין קורין בו חוזר וקורא: (ג) בית הכסא החדש שהוכן ועדיין לא נשתמש בו מותר לקרות ק"ש כנגדו אבל לא בתוכו מרחץ החדש מותר לקרות בתוכו היו שני בתים

## יוסף לחק

## מוסר

### משער קדושה ח"ב שער ד'

שלחו מתם איזהו בן העולם הבא ענותן ושפל ברך שייף עייל שייף נפיק וגרים באורייתא תדירא ולא מחזיק טיבותא לנפשיה ועתיד הקב"ה להיות עטרה בראש כל צדיק וכו' יכול לכל ת"ל ולשאר עמו למי שמשים עצמו כשירי' וכספר הזוהר פרשת שלח הכי פתח רב מתיבתא וכהא איהו מאן דאזעיר גרמי' בהאי עלמא כמה איהו רב בההוא עלמא מאן דאיהו זעיר איהו רב ומאן דאיהו רב איהו זעיר כו'. עוד שם פרשת תרומה אמאי אקרי יחזקאל בן בוזי דהוה מבזה גרמיה לגבי מאן דגדול מיני' ועי"ד זכה למקרי בן אדם מה דלא איקרי הכי כל נב אחרא ואקרי רם בדכתיב

---

(א) הקורא את שמע רוחץ ידיו במים קודם שיקרא דער מענטש וואס וויל לייענען קריאת שמע, זאל ער וואשן דיא הענט מיט וואסער איידער ער לייענט הגיע זמן קריאתה ולא מצא מים קודם שיקרא אויב עס איז געקומען די צייט צו לייענען קריאת שמע און ער האט ניט געפונען וואסער איידער ער האט געלייענט לא יאחר קריאתה וילך לבקש מים זאל ער ניט פארשפעטיגען דאס לייענען און גיין זוכען וואסער אלא מקנח ידיו בעפר או בצרור או בקורה וכיוצא בהן וקורא נאר ער ווישט אפ דיא הענט אויף די ערד אדער אויף שטענדליך אדער אויף אבעלעק אדער אויף נאך אזעלכע זאכין און לייענט קריאת שמע: (ב) אין קורין לא בבית המרחץ ולא בבית הכסא אף על פי שאין בו צואה מען טאר ניט לייענען קריאת שמע אין אבאד, און ניט אין אבית הכסא אפילו עס איז ניטא אינוויינג צואה ולא בבית הקברות און ניט אין אבית הקברות ולא בצד המת עצמו און ניט נעבין אמת ואם הרחיק ארבע אמות מן הקבר או מן המת מותר לקרות אויב ער האט זיך דערווייטערט פיר איילין פון קבר אדער פון מת מעג ער לייענען קריאת שמע וכל מי שקרא במקום שאין קורין בו חוזר וקורא און דער וואס האט געלייענט קריאת שמע אויף אזוי אארט וואס מען טאר ניט לייענען, מוז ער נאך אמאהל לייענען קריאת שמע אויף אזוי א ארט וואס מען מעג לייענען: (ג) בית הכסא החדש שהוכן ועדיין לא נשתמש בו אנייע בית הכסא, וואס זיא איז נאר אנגעגרייט געווארין צו זיין אבית הכסא, און מען האט נאך ניט גענוצט אין איר מותר לקרות קריאת שמע כנגדו אויב מען שטייט אויסוויינג נעגין די בית הכסא מעג מען לייענען קריאת שמע אבל לא בתוכו אבער אין דעם בית הכסא טאר מען ניט לייענען קריאת שמע מרחץ החדש אנייע באד וואס מען האט זיא נאך ניט גענוצט מותר לקרות בתוכו מעג מען לייענען קריאת שמע אין די באד היו שני בתים אויב עס זענען געווען צוויי שטובין

שלחו מתם איזהו בן העולם הבא מען האט געשיקט פון דארט נאגין וועלכער מענטש וועט האבין עולם הבא ענותן ושפל ברך דער וואס איז נידעריג ביי זיך שייף ועייל שייף ונפיק ער גייט אריין איינגעבויגין און גייט ארויס איינגעבויגין וגרים באורייתא תדירא און ער לערנט תורה שטענדיג ולא מחזיק טיבותא לנפשיה און ער האלט ניט ביי זיך אז דאס איז אנוטס פון אים אז ער טוהט אזוי ועתיד הקדוש ברוך הוא להיות עטרה בראש כל צדיק און גאט איז אנגעגרייט צו זיין אקרוין אויף די קאפ פון יעדער צדיק יכול לכל איך וואלט מיינען צו אלע צדיקים וועט גאט זיין אקרוין תלמוד לומר ולשאר עמו זאגט דער פסוק צו די איבערבלייבונג פון זיין פאלק למי שמשים עצמו כשירים גאט וועט זיין אקרוין צו דעם מענטש וואס האלט זיך פאר גאר נישט ובספר הזוהר פרשת שלח אין זוהר אין די סדרה שלח שטייט אזוי הכי פתח רב מתיבתא אזוי האט אנגעהויבין דער גרעסטער פון דיא ישיבה זכאה איהו מאן דאזעיר גרמיה בהאי עלמא וואהל דעם מענטש וואס מאכט זיך קליין אויף דיא וועלט כמה איהו רם בההוא עלמא וויא דער הויבין איז ער אויף יענע וועלט מאן דאיהו זעיר איהו רב דער מענטש וואס איז ביי זיך קליין אויף דיא וועלט וועט ער זיין גרויס אויף יענע וועלט ומאן דאיהו רב איהו זעיר און דער מענטש וואס איז ביי זיך גרויס אויף דיא וועלט וועט ער זיין קליין אויף יענע וועלט עוד בספר תרומה נאך שטייט אין ספר תרומה אמאי אקרי יחזקאל בן בוזי פאר וואס האט מען גערופין דעם נביא יחזקאל בן בוזי על דהוה מבזה גרמיה לגבי מאן דגדול מניה ווייל ער פלעגט זיך פארשעמען און פלעגט בעדינען דעם מענטש וואס איז גרעסער פאר אים אין תורה און מצות ועל דא זכה למקרי בן אדם דריבער האט ער זוכה געווען מען זאל אים רופין בן אדם מה דלא אקרי הכי כל נש אחרא וואס קיין מענטש איז אזוי גערופין געווארין ואקרי רם און ער איז גערופין געווארין רם כדכתיב ווי עס שטייט אין פסוק ברכאל הבוזי ממשפחת רם. ברכאל מיינט מען דעם נביא יחזקאל, ער ווערט גערופין בוזי. ווייל ער האט

ברכות הכוזי ממשפחת רם וכו' ואמרו רבותינו ז"ל למה נמשלה התורה למים מה המים אין הולכין אלא למקום נמוך כך אין התורה שורה אלא במי שרוחו נמוכה :

זימן אחת מהם לבית הכסא ואמר על השני זה הרי השני ספק אם הזמינו לכך אם לא לפיכך אין קורין בו לכתחילה ואם קרא יצא אמר גם זה הרי שניהם מזומנין ואין קורין בהם . חצר המרחץ והוא המקום שבני אדם עומדין בו לבושין מותר לקרות בו ק"ש :

זיך קליין געהאלטין. אונ ווערט גערופין רם, וויל ביי גאט איז ער גרויס גיוועזן וְאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אונ די רבנן האבין גיזאגט לָמָּה נִמְשְׁלָה הַתּוֹרָה לְמַיִם פאר וואס איז די תורה געגליכען צו וואסער מַה הַמַּיִם אֵין הוֹלְכִין אֶלָּא לְמָקוֹם נָמוּךְ אזוי ווי וואסער גייט נאר אין אנידעריגען ארט כַּךְ אֵין הַתּוֹרָה שׁוֹרָה אֶלָּא בְּמִי שֶׁרוּחוֹ נְמוּכָה אזוי די תורה רוהט נאר ביי דעם מענטש וואס איז ביי זיך נידעריג :

יט לְכֹל כְּלֵי הַמִּשְׁכָּן בְּכֹל עֲבֹדָתוֹ וְכָל־יְתֵדֹתָיו וְכָל־יִתְדֹת הֶחָצֵר נְחֹשֶׁת׃ ס ס ס

ל"ו יעי"ו סי' סל"ו סי'. ומפטירין וה' נתן חכמה לשלמה במלכים א' סימן ה'.

### רשב"ם

רוחב חמשים אמה מצד זה קלעים וכן לצד השני ומסך עשרים באמצע. הרי חמשים אמות סכוסים: (יח) ורוחב חמשים כחמשים. כיצד החצר ארכו מאה אמה ממזרח למערב שהרי כותל צפוני מאה אמה קלעים. וכן דרומי. ומצפון לדרום חמשים אמה רוחב החצר. ומשכן ארכו שלשים ורחבו עשר. העמיד המשכן על שפת חמישים מן האמצע ונשאר החצר מן המשכן חמישים בחמשים מרובעים ובשלשה רוחות חצר עשרים אמה שהרי ארכו שלשים ונשארו אחריו למערב עשרים מן החמישים של אורך מאה אמה. ורחבו עשרים ונשארו לצד צפון עשרים מן החמישים רוחב וכן לצד דרום: (יט) יתדותיו. הקשורים בקלעים ותותבין אותן בקרקע שלא ירגזון יריעות מלמטה לכאן ולכאן ברוח: חסלת פרשת תרומה מיסוד רבינו שמואל:

### רש"י

שמן המזרח למערב מאה באמה: ורחב חמשים בחמשים. חצר שבמזרח היתה מרובעת חמשים על ב חמשים שהמשכן ארכו שלשים ורחבו עשר העמיד מזרח פתחו בשפת נ' ההילונים של אורך החצר נמצא כלו בחמשים הפנימים וכלה ארכו לסוף ל' נמצאו כ' אמה ריוח לאחוריו בין הקלעים ג שבמערב ליריעות של אחורי המשכן ורחב המשכן עשר אמות באמצע רוחב החצר נמצאו לו עשרים אמה ריוח לצפון ולדרום מן קלעי החצר ליריעות המשכן וכן למערב וחמשים על חמשים חצר לפניו (עירובין כג): וקמה חמש אמות. גובה מחיצות החצר והוא רוחב הקלעים: ואדניהם נחשת. להביא אדני המסך שלא תאמר לא נאמרו אדני נחשת אלא לעמודי הקלעים אבל אדני המסך של מין אחר היו כך נראה בעיני שלכך חזר ושנאן: (יט) לכל כלי המשכן. שהיו צריכין להקמתו ולהורדתו כגון ד מקבות לתקוע יתדות ועמודים: יתדות. כמין ה נגרי נחשת עשויין ליריעות האהל ולקלעי החצר קשורים במיתרים סביב סביב בשפוליהן כדי שלא תהא הרוח מגביהתן ואיני יודע אם תחובין בארץ או קשורין ותלויין וכובדן מכביד שפולי היריעות שלא ינועו ברוח ואומר אני ששמן מוכיח עליהם שהם תקועין בארץ לכך נקראו יתדות ומקרא זה מסייעני (ישעיה לג) אהל בל יצען בל יסע יתדותיו לנצח: חסלת פרישת תרומה

### שפתי חכמים

וארכו ו' עפחים: ב דק"ל דמשמע שלא היה ארכו אלא חמשים מדכתיב ורוחב חמשים בחמישים ומתרץ אותו חלק חצר שהיה במזרח שלפני הפתח היתה מרובעת חמשים על חמשים: ג וא"ת והא המשכן היה חללו שלו ל' אמות כאורך וי' אמות ברוחב וגם הקרשים היו עובין אמה וא"כ לא יהיה אלא י"ט אמות ריוח לאחוריו וגם החצר המשכן לא יהיה כ' אלא מ"ט וגם מן הצדדין לצפון ולדרום לא יהיה כ"א י"ט אמות וי"ל שגם העמודים של חצר המשכן היה עוביין אמה כמו עוביין של קרשים והקלעים לא היו תלויין לפנים מן העמודים אלא לחוץ מן העמודים ולכך נקט רש"י החשבון על הקלעים ולא על העמודים: ד כמין פסים: ה כמין נריחים: הסלת פרשת תרומה

### דעת זקנים מבעלי התוספות

(יח) וקמה חמש. משמע שהוא קומת הקלעים. וא"ת למ"ד המזבח היה גבוה עשר אמות א"כ מתחוי כהן ועבודה בידו וי"ל דקומה משפת סובב ולמעלה והוו להו חמש עשרה אמות. והרב רבי יצחק בר אברהם הקשה קושיא אחרת אם לא היו גבוהי' אלא חמש אמות א"כ לא פתח השער גבוהה כמו פתח היכל של בית עולמים ולכך היה מפרש דודאי קלעים של צפון ודרום ומערב היו גבוהין חמש עשרת אמות והאי וקומה מיירי בקלעים שבמזרח והיה להם גובה חמש אמות יותר מקלעים שאר רוחות וא"כ גבהן עשרים והפתח גבהו עשרים כמו כן:

### פירוש להורת אלהים

הונדערט איילין וְרוחב און די ברייט חֲמִשִּׁים בַּחֲמִשִּׁים פופציג איילין די לייננ און פופציג איילין די ברייט וְקוֹמָה און די הייך חָמֵשׁ אַמּוֹת פינף איילין שֵׁשׁ לייגען מָשְׁזָר גידרייט וְאַדְנֵיהֶם און זייערע שוועלין נְחֹשֶׁת פון קופער: (יט) לְכֹל צו אלע כֵּלִים פון דעם מִשְׁכָּן בְּכֹל אלע כלים וואס מען האט בּאַרְפט צו זיין ארבעט דאס איז צו נויף שטעלין דעם משכן אדער צו צו ווארפין דעם מִשְׁכָּן וְכָל און אלע זיינע נעגיל וְכָל יְתֵדוֹת און אלע נעגיל פון דעם הויף נְחֹשֶׁת זאל אלץ זיין פון קופער:

---

## בנין שלמה

## הפטרת תרומה במלכים א סימן ה

א וַיהוָה נָתַן חָכְמָה לִשְׁלֹמֹה כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר־לוֹ וַיְהִי שָׁלֹם בֵּין חִירָם וּבֵין שְׁלֹמֹה וַיִּכְרְתוּ בְרִית

וַיי נָתַן חָכְמָה לִשְׁלֹמֹה וגו'. הַבַּיִת הַזֶּה אֲשֶׁר אַתָּה בוֹנֶה וגו'. דאס האם גיזאגט צו שלמה המלך די שטוב וואס דו באהסט אויב דו וועסט

### פירוש ע"ט

(א) וַיי נָתַן חָכְמָה און גאט האט גיגעבין חָכְמָה צו שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ כַּאֲשֶׁר אזוי וויא גאט האט גירעט און האט אים צו גיזאגט וַיְהִי און עס איז גיוועז שלום צווישען חִירָם דער מֶלֶךְ פון צור ובין און

שְׁנֵיהֶם׃ ב וַיַּעַל הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה מַס מִכָּל־יִשְׂרָאֵל
וַיְהִי הַמַּס שְׁלֹשִׁים אֶלֶף אִישׁ׃ ג וַיִּשְׁלָחֵם לְבָנוֹנָה
עֲשֶׂרֶת אֲלָפִים בַּחֹדֶשׁ חֲלִיפוֹת חֹדֶשׁ יִהְיוּ בַלְּבָנוֹן
שְׁנַיִם חֳדָשִׁים בְּבֵיתוֹ וַאֲדֹנִירָם עַל־הַמַּס׃ ד וַיְהִי
לִשְׁלֹמֹה שִׁבְעִים אֶלֶף נֹשֵׂא סַבָּל וּשְׁמֹנִים אֶלֶף
חֹצֵב בָּהָר׃ ה לְבַד מִשָּׂרֵי הַנִּצָּבִים לִשְׁלֹמֹה אֲשֶׁר
עַל־הַמְּלָאכָה שְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים וּשְׁלֹשׁ מֵאוֹת הָרֹדִים
בָּעָם הָעֹשִׂים בַּמְּלָאכָה׃ ו וַיְצַו הַמֶּלֶךְ וַיַּסִּעוּ אֲבָנִים
גְּדֹלוֹת אֲבָנִים יְקָרוֹת לְיַסֵּד הַבָּיִת אַבְנֵי גָזִית׃
ז וַיִּפְסְלוּ בֹּנֵי שְׁלֹמֹה וּבֹנֵי חִירוֹם וְהַגִּבְלִים וַיָּכִינוּ
הָעֵצִים וְהָאֲבָנִים לִבְנוֹת הַבָּיִת׃ ח וַיְהִי בִשְׁמוֹנִים
שָׁנָה וְאַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה לְצֵאת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ
מִצְרַיִם בַּשָּׁנָה הָרְבִיעִית בְּחֹדֶשׁ זִו הוּא הַחֹדֶשׁ
הַשֵּׁנִי לִמְלֹךְ שְׁלֹמֹה עַל־יִשְׂרָאֵל וַיִּבֶן הַבַּיִת לַיהוָה׃

היטן מיינע מצות, וואס ניהער דער בית המקדש מיט די מצות, **למשל** עס איז אמאהל גיוועזן אגרויסער מלך וואס האט געקיניגט אויף פיל מדינות, אין דיא מדינות זענען גיוועזן פיל גרויסע שטעט, אונ די מענטשין פון די שטעט האבין זיך געפירט מיט זייער שיינע מדות, אונ דאס מיליטער וואס האבין געדינט פאר דעם מלך זענען גיוועזן געטרייא צום מלך אונ צו דיא מדינה, דיא אלע שרים פון דיא שטעט האבין געמשפט ערליך דיא מענטשין פון יעדער שטאט, דער מלך האט געוואהנט אין זיין רעזידענץ שטאט מיט גרויס פערגעניגען, דער בייכסטער פון אלע מדינות פון מלך, האט געמאכט אקרוין פאר דעם מלך וואס אויף דיא קרוין איז גיוועזן אויף געמאלט אלע מדינות פון מלך אונ אלע שרים, די קרוין איז גיוועזן טייער ביי דעם מלך, ווייל אלע מאנ האט ער גיזעהן אויף דיא קרוין זיין גאנצע מלוכה, אונ האט שטענדיג גיטראכט צו טאהן טובות די מענטשין פון זיינע

פירוש ע״ט

אונ צווישען שלמה המלך ובינתי אונ האבין ביידע צווישען זיך כורת ברית גיוועזן׃ (ב) ויעל אונ דער מלך שלמה האט אויף געבראכט מס צינז מכל ישראל פון אלע יודין ויהי המס אונ דער מס האט אזוי פיל אן געטראפין אז מען האט געקאנט פאר דעם געלט דונגען שלשים דרייסיג טויזענד מענטשין׃ (ג) וישלחם אונ ער האט זייא געשיקט לבנונה אין וואלד עשרת אלפים צו צעהן טויזענד בחודש אין אחודש כלומר זייא זאלין זיך פאר זאמען אין וואלד אחודש חליפות דיא דרייסיג טויזענד האבין זיך אלע חודש געביטען דהיינו לסוף חודש זענען דיא ערשטע צעהן טויזענד אהיים געקומען זענען אנדערע צעהן טויזענד געגאנגען אויף אחודש אין וואלד אונ סוף חודש זענען זיי אהיים געקומען זענען די דריטע צעהן טויזענד געגאנגען אויף אחודש אין וואלד אזוי האבין זיי זיך אלץ געביטען אלע חודש איז אויס געקומען חודש יהיו בלבנון אז איטליכע צעהן טויזענד מאן זענען גיוועסין איין חודש אין וואלד צוויי חדשים אין דער היים ואדונירם אונ עס איז גיוועזן אמענטש וואס האט געהייסין אדונירם איז ער גיזעצט גיווארין על המס ער זאל גובה זיין דאס צינז׃ (ד) ויהי אונ עס איז גיוועזן צו שלמה שבעים אלף זיבעציג טויזענד מענטשין נושא סבל וואס האבין געטראגין דיא משא כלומר זייא האבין געטראגין דיא שטיינער פון בארג צו דר שטאט ושמונים אלף אונ אכטציג טויזענד מענטשין חוצב בהר וואס זייא האבין געהאקט שטיינער פון דעם בארג. ורש״י מאכט דיא הונדערט אונ פופציג טויזענד מענטשין זענען אלע גרים גיוועזן וואס זייא האבין זיך מגייר גיוועזן ווייל זיי האבין גיזעהן דיא גדולה פון שלמה המלך]׃ (ה) לבד חוץ משרי פון דיא הארין הנצבים די פקידים וואס זיי זענען גיוועזן צו שלמה אשר וואס זיי האבין געהאט צו שאפין איבער דער מלאכה זענען גיוועזן שלשת אלפים דריי טויזענד ושלש מאות אונ דריי הונדערט הרודים בעם וואס האבין מושל גיוועזן איבער דעם פאלק העושים וואס זיי האבין גימאהן די מלאכה׃ (ו) ויצו האט דער מלך געשאפט ויסיעו אונ זייא האבין אויס געריסען אבנים יקרות שווערע שטיינער ליסד צו גרונטין הבית דאס הויז כלומר פון דיא שטיינער זאל מען מאערין אגרונד צום הויז אבני גזית דיא שטיינער זענען גיוועזן גיטעסעט׃ (ז) ויפסלו אונ זיי האבין אויס געהאקט די שטיינער פון דעם בארג בוני די בויערס פון שלמה ובוני אונ די בויערס פון חירום והגבלים אונ די אומה וואס מען האט זיי גערופין גבלים ויכינו העצים אונ זייא האבין אן געגרייט דאס האלץ והאבנים אונ דיא שטיינר לבנות הבית צו באהן דם ביהמ״ק׃ (ח) ויהי אונ עס איז גיוועזן בשמונים שנה וגו׳ אין פיר הונדערט אונ אכטציג יאהר לצאת צום ארויס גיין די קינדער ישראל פון דעם לאנד מצרים בשנה הרביעית אין דעם פערדין יאהר בחודש זיו אין דעם חודש אייר וואס ווערט גערופין זיו הוא החודש השני דאס איז דער אנדערער חודש פון דעם פערדין יאהר אז שלמה איז אמלך גיווארין איבער דיא ישראל

ט והבית אשר בנה המלך שלמה ליהוה ששים־
אמה ארכו ועשרים רחבו ושלשים אמה קומתו׃
י והאולם על־פני היכל הבית עשרים אמה ארכו
על־פני רחב הבית עשר באמה רחבו על־פני הבית׃
יא ויעש לבית חלוני שקפים אטמים׃ יב ויבן על־
קיר הבית יצוע° סביב את־קירות הבית סביב
להיכל ולדביר ויעש צלעות סביב׃ יג היצוע
התחתנה חמש באמה רחבה והתיכנה שש
באמה רחבה והשלישית שבע באמה רחבה
כי מגרעות נתן לבית סביב חוצה לבלתי אחז
בקירות הבית׃ יד והבית בהבנתו אבן שלמה
מסע נבנה ומקבות והגרזן כל־כלי ברזל
לא־נשמע בבית בהבנתו׃ טו פתח הצלע
התיכנה אל־כתף הבית הימנית ובלולים
יעלו על־התיכנה ומן־התיכנה אל־השלשים׃
טז ויבן את־הבית ויכלהו ויספן את־הבית גבים
ושדרת בארזים׃ יז ויבן את־היצוע° על־כל־הבית
חמש אמות קומתו ויאחז את־הבית בעצי ארזים׃
יח ויהי דבר־יהוה אל־שלמה לאמר׃ יט הבית הזה
אשר־אתה בנה אם־תלך בחקתי ואת־משפטי
תעשה ושמרת את־כל־מצותי ללכת בהם
והקמתי את־דברי אתך אשר דברתי אל־דוד
אביך׃ כ ושכנתי בתוך בני ישראל ולא אעזב
את־עמי ישראל׃

°היציע קרי   סוציע קרי

מדינות, אמאהל האבין אלע מדינות מורד געוועזן אין דעם מלך, דאס פיליפטער מיט ווייערע אלצמע האבין ניט געוואלט דינען צום מלך, די שרים האבין ניט געוואלט משפטין דאס פאלק, דאס ערשטע האט דער מלך אראפגענומען פון זיך די קרוין אונ האט זיא צו בראכין, מען האט געפרעגט ביא דעם מלך וואס האסטו דיין כעס אויסגילאזין צו די קרוין, האט דער מלך געזאגט די גאלד מיט די ברילאנטין פון די קרוין דארף איך ניט, איך האב גענוג גאלד אונ ברילאנטין די פייערקייט פון די קרוין איז ביי מיר נאר געוועזן ווייל אויף איר זענען געוועזן געמאהלט מיינע אלע מדינות, איצט אז די מדינות האבין אין מיר מורד געוועזן אונ ווילען מיך ניט פאר א מלך, צו וואס טויג מיר די קרוין, ווען איך וועל זעהן די קרוין וועט זיך פארגרעסערין מיין צער, די. ווערטער האט נאט גירעט צום מלך שלמה, דו באהסט פאר מיר אשטוב, צו וואס דארף איך דיין ש־וב, די הימלען קענען ניט פארנעמען מיין כבוד, וואס איז די שטוב געמאכטעט נעגין די הימלען, נאר ווייל אין די שטוב וועסטו אריין שטעלין דעם ארון הקדש אונ אין דעם ארון הקדש וועט זיין די תורה, וואס אין די תורה איז געשריבען מיינע אלע מצות אונ חקים אונ משפטים וואס די יודין זאלין טאהן, אז איך וועל אלע טאג זעהן מיין תורה אונ וועל זעהן די יודין טוהען וויא אין מיין תורה שטייט, די כהנים טוהען די עבודה אין בית המקדש וויא איך האב געבאטין, די שופטים וואס זענען אין יעדער שטאט משפטין די יודין וויא איך האב געבאטין, דאס פאלק האנדלען ערליך איינער מיט דעם אנדערין, וועט זיין דער בית המקדש ביי מיר טייער, ווייל פון די תורה וואס אין דעם בית המקדש וועל איך זעהן דעם פירונג פון אלע יודין וואס זייא טוהען וויא איך האב געשריבען אין די תורה, אבער אז די יודין וועלין ניט טאהן וויא אין די תורה שטייט, זיי וועלין ניט האלטין מיך פאר א מלך, צו וואס טויג מיר דער בית המקדש, ווען איך וועל זעהן דעם בית המקדש אונ די תורה וועט זיך פארגרעסערין מיין צער, דריבער וועל איך געוויס חרוב מאכין דעם בית המקדש׃

פירוש ע״ט

ויבן הבית ליי האט ער געבאהעט דאס ביהמ״ק צו גאט׃ (ט) והבית אונ דאס ביהמ״ק וואס ער האט געבאהעט איז געוועזן זעכציג איילין זיין לענג אונ צוואנציג איילין זיין ברייט אונ דרייסיג איילין זיין הייך׃ (יח) ויהי דבר יי אל שלמה אונ עס איז געוועזן די רייד פון גאט צו שלמה אזוי צו זאגין׃ (יט) הבית הזה דאס הויז וואס די באהעסט בין איך דיר מבטיח אם תלך בחוקותי אז דו וועסט גיין אין מיין געזעץ אונ מיינע גירעכט וועסטו טאהן אונ דו וועסט היטען אלע מיינע מצות ללכת צו גיין אין זיי והקימותי את בריתי אתך וועל איך גאט מקיים זיין מיט דיר מיינע רייד אשר דברתי וואס איך האב גירעט צו דיין פאטער דוד כלומר איך האב צו גיזאגט צו דיין פאטער דוד כמה הבטחות וועל איך דאס דיר מקיים זיין׃ (כ) ושכנתי בתוך בני ישראל אונ איך וועל רוהען צווישען די ישראל ולא אעזוב את עמי ישראל אונ איך וועל ניט פאר־לאזין מיין פאלק ישראל׃

אחר קריאת פרשת השבוע שנים מקרא ואחד תרגום והפטרה ומזמור ה' מלך גאות לבש או מזמור שיר ליום השבת וה' מלך יגל"ח דברו משנה והלכה מסדר טהרות שהוא נגד היסוד בחינת היום :

פרק ט א צלוחית. כלי שנותנים בו מים המקודשים לאחר שהטליך האפר לתוכן קרוי צלוחית. והכלי שנותנים בו המים כדי לקדשן קודם שיתנו בה האפר קרוי שוקת: מים כל שהן. שאינן כשרין להזאה: יזה ב'. שאם מזה אחת שמא אין כאן מן הכשרים. אבל כי מזה ב' אי אפשר דליכא בחדא מניייהו מן הכשרים (א) והזאה א"צ שיעור: וחכמים פוסלין. דקסברי ההזא' צריכ' שעור ואין מצטרפין ההזאות והלכה כחכמים. ורמב"ם פי' יזה ב' הזאו' משליכם חוץ לכלי ונשאר כשאר מי חטאת כשרים. ופליא' היא בעיני דבפרק כל הזבחים בגמ' משמע כמו שפרשתי: יניחנה בחמה והטל עולה. שדרך הטל לעלות כנגד החמה וכן הוא אומר ויהי בבקר ותעל שכבת הטל ואין הלכה כר"א: יערה. מריק מה שבתוך הכלי ואינו כשר להניח בו מי חטאת עד שינגב מן המשקים ומי פירו': יערה ואינו צריך לנגב. דאם איתא דנשאר ממנו בכלי היה רשומו ניכר: ב ונתבקעו. שנשתהו בתוך המים זמן מרובה עד שנתבקעו או אפי' לא נתבקעו אלא שנשתנו מראה המים פסולין: חפושית. תולעת שחורה: בין כך ובין כך. בין נתבקע' בין לא נתבקע': מפני שהיא כשפופר'. של קנה חלולה והמים נכנסין מצד זה ויוצאים מצד זה ומתערב עמהם הלחות שבקרבה: דירה. תולעת שבחטין: כנה. מין תולעת נמי הגדל בתבוא': כשרים. אפי'

**פרק ט א** צלוחית שנפל לתוכה מים כל שהן רבי אליעזר אומר יזה ב' הזיות וחכמים [א] פוסלין. ירד לתוכה טל. רבי אליעזר אומר יניחנה בחמה והטל עולה וחכמים [ב] פוסלים. נפל לתוכה משקין ומי פירות יערה וצריך לנגב. [ג] דיו קומוס וקנקנתום וכל דבר שהוא רושם יערה ואינו צריך לנגב: **ב** נפל לתוכה שקצים ורמשים ונתבקעו או שנשתנו מראיהם פסולין. חפושית בין כך ובין כך פוסלת מפני שהיא כשפופרת. רבי שמעון ורבי אליעזר בן יעקב אומרים הדירה והכנה שבתבואה כשרים מפני שאין בהן ליחה :

(א) דהא אין כאן פסולים אלא כ"ש וס"ל אין ביצ' וקשה איך אפשר שלא יוכל לחלוק הכ"ש לב'. תוס': [א] פוסלין. חומרת דמי חטאת היא דמן התורה ברובא בטיל תו' עתוי"ט: [ב] פוסלין. דסביר' להו דאינו עולה אלא מן הפירות תו'. הר"ש: [ג] דיו. בינם איירי דומי' דאייך הר"ש. ולהכי א"צ לנגב דלאו משקין נינהו וסגי במער' דאין נשאר ממנו כלום ואפי' נשאר אין מתערב במים מהר"ש. ול"נ דמיירי בלח דיערם תנן ודא"צ לנגב הוא כמ"ש

---

**פרק ט א** צלוחית שנפל לתוכה מים כל שהן דער קריגול וואס אין אים איז גיוועזן געהייליגטע וואסער מיט אש, איז ארייין געגאסין גיווארין אין אים אביסול וואסער וואס זענען פסול רבי אליעזר אומר יזה שתי הזיות רבי אליעזר זאגט ער זאל שפריצען אויף דעם טמא צווייא מאהל, איין שפריץ אונ נאך אמאהל אשפריץ וחכמים פוסלין אונ דיא חכמים זאגין דיא וואסער וואס אין קריגול איז פסול צו שפריטצען מיט זיי אויף אטמא ירד לתוכו טל אויב עס איז אריין אביסול טאה אין דעם קריגול רבי אליעזר אומר יניחנה בחמה והטל עולה רבי אליעזר זאגט ער זאל שטעלין דעם קריגול וואסער געגין דיא זוהן וועט דער טאה ארויף גיין פון דיא וואסער וחכמים פוסלים אונ די חכמים זאגין דער קריגול וואסער איז פסול צו שפריטצען מיט זיי אויף אטמא נפל לתוכה משקין ומי פירות אויב עס איז אריין געפאלין אין דעם קריגול וואסער משקה אדער זאפט פון פירות יערה זאל מען די וואסער פון קריגול אויס גיסען, אונ אויב ער וויל אריין גיסען אין דעם זעלביגען קריגול אנדערע וואסער מיט אש פון דיא פרה אדומה וצריך לנגב דארף ער דעם קריגול פריער אויס טריקענען דיו אויב עס איז אריין געפאלין אביסול טינט אין דעם קריגול וואסער קומוס וקנקנתום אדער קומוס אדער קנקנתום (דאס איז אזעלכע פארבין) איז אריין געפאלין אין דיא וואסער וכל דבר שהוא רושם אדער אנדערע זאכין וואס מאכין אצייכין יערה זאל מען דיא וואסער פון קריגול אויס גיסען ואינו צריך לנגב אונ מען דארף ניט אפ טריקענען דעם קריגול ווארום אז עס וואלט עפעס געבליבען אין קריגול וואלט מען דערקענט: **ב** נפל לתוכה שקצים ורמשים ונתבקעו אויב אין די וואסער איז אריין געפאלין קעץ מייז אונ זיי זענען געלעגין אין דיא וואסער אזוי לאנג ביז זיי זענען צו שפאלטין גיווארין או שנשתנו מראיהן אדער זיי זענען ניט צו שפאלטין גיווארין נאר דער קאליר פון דיא וואסער איז דורך זייא גיענדערט גיווארין פסולין איז דיא וואסער פסול צו שפריטצען מיט זייא אויף אטמא חפושית אשווארצער ווארעם איז אריין געפאלין אין דיא וואסער בין כך ובין כך סיי ער איז צו שפאלטין גיווארין אין די וואסער אונ סיי ער איז ניט צו שפאלטין גיוועזן אין דיא וואסער פוסלת ווערט די וואסער פסול מפני שהיא כשפופרת ווייל דער ווארעם איז אזוי וויא ארער, אונ דיא וואסער גייען אין אים אריין פון איין זייט אונ גייען ארויס פון די אנדערע זייט, אונ די פייכטקייט וואס אין דעם ווארעם מישט זיך אריין אין די וואסער רבי שמעון ורבי אליעזר בן יעקב אומרים רבי שמעון אונ רבי אליעזר בן יעקב זאגין הדירה והכנה שבתבואה כשרים אויב אין דיא וואסער איז אריין געפאלין דער ווארעם וואס הייסט דירה אדער דער ווארעם וואס הייסט כנה וואס זייא וואקסין צווישען די תבואה, אפילו זייא זענען צו שפאלטין גיווארין אין דיא וואסער איז אויך דיא וואסער כשר מפני שאין בהם ליחה ווייל זיי האבין קיין פייכטקייט:

נתבקעו ואין כן הלכה: **ג שתה מהן בהמה או חיה פסולין**. משום משקה שבפיהן החוזר והמים והרוק שבפיהן מתערבין (ג): **מוצצת**. ואין המשקה שבפיה חוזר למים: **מלקת**. לוקקת בלשונה ומתערב הרוק שבלשונ' עם המים: **אף הנחש מפני שהיא מקיאה**. וכן הלכה ואין הלכה כר"א: **ד החושב על מי חטאת לשתות ר"א פוסל**. דאפסלו להו במחשב': **כשיטה**. המכוין לשתות או ליקח ממנה מים לשתות אבל במחשבה

**ג** שתה מהן בהמה או חיה פסולין. כל [ד] העופות פסולין וחוץ מן היונה מפני שהיא מוצצת. כל השרצים אינם פוסלין חוץ מן החולדה מפני שהיא מלקת רבן גמליאל אומר אף הנחש מפני שהיא מקיאה (ס"א שהוא מקיא) ר"א אומר אף העכבר: **ד** [ה] החושב על מי חטאת לשתותן ר' אליעזר אומר פסול. רבי יהושע אומר כשיטה. אמר רבי יוסי במה דברים אמורים במים שאינם מקודשים. אבל במים המקודשין רבי אליעזר אומר כשיטה. רבי יהושע אומר כשישתה ואם גרגר כשר: **ה** מי חטאת [ו] שנפסלו לא יגבלם בטיט שלא יעשם תקלה לאחרים. רבי

סד"ב: (ג) ר"ל דאפי' לר"א דמ"א דהתם כ"ש והכא טובא הר"ש: [ד] העופות. ששתו במים פסולין דאריישא קאי. ובשרצים דקתני אינם גרס פוסלין דקאי אשרצים וכ"ה כר"מ: [ה] החושב. כ"ל דפי' שאומר דמחשבה ל"מ כמו בשלא לשמן זכמו המחשב לשלוח יד: (ג) שלא הדביק פיו לחבית. הר"ש והר"מ: [ו] שנפסלו כו'. בספרי יליף

גריד' לא פסל: **במים שאינן מקודשין**. שמלאן כדי ליתן בהן את האפר ועדיין לא נתן: **ר"א אומר כשיטה**. והכא לא פסיל להו במחשבה דכיון דמים קדושין הן אמלוכי ממליך וחוזר בו ממחשבתו הלכך לא פסל רבי אליעזר עד שיטה: **ר' יהושע או' כשישתה**. מפני משק' שבפיו שחוזר ומתערב עם המים ופסל להו: **ואם גרגר**. לשון גרגרת כלומר שלא שתה כדרך השותים אלא שפך המים בגרונו (ג): **כשר**. דליכא משקה פיו בחבית. והלכה כרבי יהושע בתרוויהו: **ה שלא יעשם הקלה לאחרים**. שיגעו בטיט ויטמאו במיחפלת שבו: רבי

---

**ג** שָׁתָה מֵהֶן בְּהֵמָה אוֹ חַיָּה פְּסוּלִין אויב אַבְּהֵמָה אָדֶער אַחַיָּה הָאט גֶעטְרוּנְקֶען פוּן דיא וַואסֶער. אִיז דִי וואסֶער פְּסוּל צוּ דיא פָּרָה אֲדוּמָה כָּל הָעוֹפוֹת פּוֹסְלִין אַלֶע עוֹפוֹת אַז זֵיי טְרִינְקֶען פוּן דִי וַואסֶער וֶוערְט דִיא וַואסֶער פְּסוּל, וַוייל בְּהֵמוֹת אוּנ חַיּוֹת אוּנ עוֹפוֹת אַז זֵיי טְרִינְקֶען גִיסֶען זֵייא דִיא וואסֶער וָואס זֵייא הָאבִּין אִין מויל צוּרִיק אִין דִיא כֵּלִי, אוּנ דִי וַואסֶער וָואס זֵיי הָאבִּין גֶעהַאט אִין מויל אִיז דָאךְ אוּים גֶעמִישְׁט גִיוָוארִין מִיט שְׁפֵּייאַכְץ חוּץ מִן הַיּוֹנָה נָאר אַטָאהבּ אַז זִיא טְרִינְקְט פוּן דִיא וואסֶער אִיז דִיא וַואסֶער נִיט פְּסוּל מִפְּנֵי שֶׁהִיא מוֹצְצָה וַוייל זִיא צִיהְט אִין זִיךְ אַרַיין דִיא וַואסֶער אוּנ שְׁפֵּייט נִיט אוּים צוּרִיק כָּל הַשְּׁרָצִים אֵינָם פּוֹסְלִין אַלֶע שְׁרָצִים אַז זַייא טְרִינְקֶען פוּן דִיא וַואסֶער מַאכִין זֵייא נִיט פְּסוּל דִיא וואסֶער חוּץ מִן הַחוּלְדָה נָאר אַז אַחוּלְדָה טְרִינְקְט פוּן דִיא וואסֶער וֶוערִין דִיא וואסֶער פְּסוּל מִפְּנֵי שֶׁהִיא מַלֶּקֶת וַוייל זִיא לֶעקְט דִיא וואסֶער מִיט דֶעם צוּנְג, מִישְׁט זִיךְ אוּים דִי שְׁפֵּייאַכְץ פוּן דֶעם צוּנְג מִיט דִיא וואסֶער רַבָּן גַמְלִיאֵל אוֹמֵר אַף הַנָּחָשׁ רַבָּן גַמְלִיאֵל זָאגְט אַז אַשְׁלַאנְג טְרִינְקְט פוּן דִיא וואסֶער וֶוערְט אויךְ דִי וואסֶער פְּסוּל מִפְּנֵי שֶׁהִיא מְקִיאָה וַוייל זִיא בְּרֶעכְט אוּים דִי וואסֶער צוּרִיק אִין דִיא כֵּלִי מִישְׁט זִיךְ אוּים דִי שְׁפֵּייאַכְץ מִיט דִי וואסֶער רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר אַף הָעַכְבָּר רַבִּי אֱלִיעֶזֶר זָאגְט אַז אַמויז טְרִינְקְט פוּן דִיא וַואסֶער וֶוערְט אויךְ דִיא וַואסֶער פְּסוּל: **ד** הַחוֹשֵׁב עַל מֵי חַטָּאת לִשְׁתּוֹת אַז אֵיינֶער הָאט גֶעטְרַאכְט עֶר זָאל טְרִינְקֶען פוּן דִיא וואסֶער וָואס עֶר הָאט אָן גִישֶׁעפְּט צוּ דִיא פָּרָה אֲדוּמָה רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר פָּסוּל רַבִּי אֱלִיעֶזֶר זָאגְט אֲפִילוּ עֶר הָאט נָאךְ נִיט גֶעטְרוּנְקֶען אִיז שׁוין דִיא וַואסֶער פְּסוּל רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר כְּשֶׁיִּטֶּה: רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ זָאגְט אַז עֶר בֵּייגְט אַיין דִיא כֵּלִי צוּם טְרִינְקֶען וֶוערְט שׁוין דִיא וַואסֶער פְּסוּל אֲפִילוּ עֶר הָאט נָאךְ נִיט גֶעטְרוּנְקֶען, אָבֶּער מִיט דֶעם טְרַאכְטִין אַלֵיין וֶוערְט נִיט פְּסוּל דִיא וַואסֶער אָמַר רַבִּי יוֹסֵי הָאט רַבִּי יוֹסֵי גִיזָאגְט בַּמֶּה דְבָרִים אֲמוּרִים וֶוען וֶוענֶען דִי רַייד גִיזָאגְט גִיוָוארִין וָואס רַבִּי אֱלִיעֶזֶר מִיט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ קְרִיגֶען בְּמַיִם שֶׁאֵינָן מְקוּדָּשִׁים נָאר בַּיי וַואסֶער וָואס מֶען הָאט אָן גִישֶׁעפְּט מֶען זָאל אויף זֵיי אַרויף שִׁיטֶען דִי אַשׁ, אָבֶּער זַייא זֶענֶען נָאךְ נִיט גֶעהַיילִיגְט גִיוָוארִין מֶען הָאט נָאךְ נִיט אַרויף גֶעשָׁאטִין אויף זֵיי דִיא אַשׁ אֲבָל בְּמַיִם הַמְקוּדָּשִׁים אָבֶּער אַז מֶען הָאט שׁוין דִיא וואסֶער גֶעהַיילִיגְט מֶען הָאט שׁוין אַרויף גֶעשָׁאטִין אויף זֵייא דִי אַשׁ רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר כְּשֶׁיִּטֶּה רַבִּי אֱלִיעֶזֶר זָאגְט אַז עֶר וֶועט אַיינְבֵּייגִין דִי כֵּלִי צוּם טְרִינְקֶען פוּן אִיר וֶוערְט שׁוין דִיא וואסֶער פְּסוּל, אָבֶּער מִיט טְרַאכְטִין אַלֵיין וֶוערְט נִיט פְּסוּל דִיא וואסֶער רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר כְּשֶׁיִּשְׁתֶּה רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ זָאגְט אַז עֶר וֶועט טְרִינְקֶען פוּן דִיא כֵּלִי וֶוערְט דִיא וואסֶער פְּסוּל, וַוייל דִי שְׁפֵּייאַכְץ פוּן מויל וֶוערְט אוּים גֶעמִישְׁט מִיט דִי וַואסֶער וְאִם גִרְגֵּר אוּנ אויב עֶר הָאט נִיט גֶעהַאלְטִין דִיא מויל בַּיי דִיא כֵּלִי, נָאר עֶר הָאט אַרַיין גֶעגָאסִין דִיא וואסֶער אִין הַאלְדְז כָּשֵׁר דִיא אִיבֶּערִיגֶע וַואסֶער וָואס אִין דִי כֵּלִי אִיז כָּשֵׁר: **ה** מֵי חַטָּאת וַואסֶער וָואס מֶען הָאט אִין זֵיי אַרַיין גֶעשָׁאטִין דִיא אַשׁ פוּן דִיא פָּרָה אֲדוּמָה שֶׁנִּפְסְלוּ אויב זֵיי זֶענֶען פְּסוּל גִיוָוארִין לֹא יְגַבְּלֵם בְּטִיט טָאר מֶען זֵיי נִיט קְנֶעטִין מִיט לֵיים שֶׁלֹּא יַעֲשֵׂם תַּקָּלָה לַאֲחֵרִים עֶר זָאל נִיט מַאכִין אַשְׁטְרוּיכְלוּנְג פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשִׁין. טָאמֶער וֶועט אֵיינֶער אָן רִירֶען דִיא לֵיים וֶועט עֶר טָמֵא וֶוערִין, אוּנ עֶר וֶועט נִיט וִויסֶען אַז עֶר אִיז טָמֵא וֶועט עֶר מַאכִין פִיל שָׁאדִין מִיט זַיין טוּמְאָה רַבִּי

יהודה

יהודה אומר בטלו. בטיט ותו לא מטמאו מאחר שנבלן: מעט לעת. אם שתתה בתוך מעת לעת של שתיה אבל שהת' טפי מהכי נתעכל במעיה: רבי יהודה אומר בטלו במעיה. ואפילו שתת' בתוך מעת לעת בשרה טהור. ואין הלכה כרבי יהודה בתרוייהו: ו מי חטאת. במקודשין איירי אבל מים שאינן מקודשין שרי כדקתני סיפא: אפר חטאת. אפי' אפר עלמו בלא מים: לא יעבירם בנהר ובספינה. דגזור משום מעשה שהיה באדם אחד שהיה מעביר מי חטאת ואפר חטאת בספינה בירדן ונמלא כזית מת תחוב בקרקעית' של ספינה (ד): ולא ישיטם על פני המים. דדמי לספינה: וכן לא יעמוד בצד זה. של נהר: ויזרקם לצד השני. דגם זה דמי קלת לספינה: אבל עובר הוא. ברגליו (ה): במים. עם מי חטאת שבידו (ו): עובר הוא הטהור לחטאת. בין בספינה בין שט על פני המים ואינו חושש. וכן נושא בידו. או משיטו על פני המים: כלי שהוא טהור. לתת בו מי חטאת כשהוא ריקם או שיש בו מים שעדיין לא נתקדשו באפר פרה שלא גזרו אלא על המים המקודשים ועל האפר בלבד לא על האדם והכלים הטהורים ומים שאינן מקודשים: ז אפר כשר. אפר פרה הכשר להזא': שנתערב באפר מקלה. באפר כירה: הולכין אחר הרוב לטמא. אם רוב אפר פרה מטמא אם רוב אפר מקלה אינו מטמא (ז): ואין מקדשין בו. אפי' רוב אפר חטאת אין מקדשין בו הואיל ונתערבו בו אפר כירה ואפילו כל שהוא: רא"א מקדשין כולן. דסבר רבי אליעזר לא בעי' שיעורא בהזא' וה"א דליכא פורתא מאפר חטאת ואין הלכה כר"א:

יהודה אומר בטלו. פרה ששתה מי חטאת [ז] בשרה טמא מעת לעת. רבי יהודה אומר [ח] בטלו במעיה: ו מי חטאת ואפר חטאת לא יעבירם בנהר [ט] ובספינה, ולא ישיטם על פני המים. ולא יעמוד בצד זה ויזרקם לצד זה. אבל עובר הוא במים עד צוארו. עובר הוא הטהור לחטאת ובידו כלי ריקם הטהור לחטאת ובמים שאינם מקודשין: ז אפר כשר שנתערב באפר מקלה. הולכין אחר הרוב. לטמא ואין מקדשין בו. ר' אליעזר אומר מקדשין בכולן:

להו: [ז] בשרה כו'. אבל אדם וכלים לא. דאין מטמאין אלא טומאה קלה לטמא אוכלין ומשקין: [ח] בטלו. ואפי' טומאה קלה לא מטמאי דהוי משקה סרוחה גמרא. ועתוי"ט: [ט] ובספינה. כלומר וכשהוא בספינה: (ד) והאהילו עליו וטמאו רע"ב: (ה) וגם על הגשר מותר דכאראה סמיכתא הוא והאדם המעבירו הולך כל שעה ברגליו ואינו דומה לספינה רע"ב: (ו) או אפר פרה הר"מ: (ז) כמגע אבל כטמא

יהודה אומר בטלו רבי יהודה זאגט דיא וואסער ווערט בטל אין דיא לייב, איז דיא לייב ניט מטמא פרה ששתת מי חטאת אויב איינער האט געהאט וואסער וואס אין זייא איז געוועזן אש פון דיא פרה אדומה אונ דיא וואסער איז פסול געווארין אונ אקוה האט געטרונקען פון דיא וואסער בשרה טמא מעה לעת אויב מען האט די קוה געשאכטין איידער עס איז געוועזן אמעת לעת פיר אונ צוואנציג שעה] ווי זיא האט געטרונקען דיא וואסער, איז דיא פלייש טמא רבי יהודה אומר בטלו במעיה רבי יהודה זאגט דיא וואסער איז בטל געווארין אין אירע גידערים, דריבער אפילו מען האט די קוה געשאכטין אין די פיר אונ צוואנציג שעה פון דער צייט וואס זיא האט געטרונקען די וואסער איז אויך ניט טמא די פלייש, אבער אז מען האט איר געשאכטין נאך דיא פיר אונ צוואנציג שעה וויא זיא האט געטרונקען דיא וואסער האלטין אלע אז די פלייש איז ניט טמא: ו מי חטאת וואסער וואס מען האט אין זייא ארייין געשאטין דיא אש פון דיא פרה אדומה ואפר חטאת אונ אש פון דיא פרה אדומה אן וואסער לא יעבירם בנהר ובספינה טאר מען זייא ניט פירען אין אשיף איבער אוואסער ולא ישיטם על פני המים אונ מען טאר זייא ניט מאכין שווימען אויף דעם וואסער ולא יעמוד בצד זה ויזרקם לצד זה אונ ער זאל ניט שטיין אויף דער זייט וואסער אונ אריבער ווארפין דיא אש אדער דיא וואסער מיט די אש] אויף דיא אנדערע זייט וואסער אבל עובר הוא במים עד צוארו אבער ער מעג גיין מיט דיא פיס אין וואסער ביז צום האלדז אונ ער טראגט אין האנט די אש פון דיא פרה אדומה אדער דיא וואסער מיט דיא אש פון דיא פרה אדומה עובר הוא הטהור לחטאת דער מענטש וואס איז גיווארין טהור צו בשעפטיגען זיך מיט דיא פרה אדומה מעג ער זיך אריבער שיפען אדער אריבער שווימען אויף דעם וואסער ובידיו כלי ריקם הטהור לחטאת אונ ער מעג האלטין אין האנט אליידיגע כלי וואס זיא איז טהור אריין צו גיסען אין איר וואסער מיט אש פון דיא פרה אדומה ובמים שאינן מקודשים אונ אפילו אין דיא כלי איז דא וואסער וואס זייא זענען אנגעגרייט מען זאל אין זיי אריין שיטען דיא אש פון די פרה אדומה נאר מען האט נאך ניט אריין געשאטין דיא אש, מעג ער דיא כלי מיט דיא וואסער אויך האלטין אין האנט, אונ מעג דיא ליידיגע כלי אדער דיא כלי מיט דיא וואסער אריבער שיפען אדער אריבער שווימען אויף דעם וואסער: ז אפר כשר דיא אש פון דיא פרה אדומה שנתערב וואס איז צו מישט גיווארין באפר מקלה מיט דיא אש פון קוימען הולכין אחר הרוב לטמא גייט מען נאך דיא מערערע צו מטמא זיין, אויב די אש פון די פרה אדומה איז מער ווי די אש פון קוימען איז טמא דער וואס רירט אן די אש, אונ אויב די אש פון קוימען איז מער וויא דיא אש פון די פרה אדומה איז טהור דער וואס רירט אן דיא אש ואין מקדשין בו אבער מען טאר ניט היילגען מיט דיא צומישטע אש דיא טאסער, אפילו די אש פון די פרה אדומה איז מער ווי דיא אש פון קוימען רבי אליעזר אומר רבי אליעזר זאגט מקדשין בכולן מען זאל אריין שיטען די גאנצע אש אין די וואסער, איז דאך דא אין

די

ח מי חטאת שנפסלו. כגון שנתנו מראיהן שלא מחמת עצמן וכיוצא בזה מן הדברים שפוסלים מי חטאת: מטמאין. את האדם: הטהור לתרומה. בין שנגע בהן בידיו. בין שנגע בגופו. דכמה חטאת כשרים חשיבי וטומאה זו דרבנן הוא דמדאורייתא כיון שנפלו פרחה מהן טומאתן הקמור' משום הכי תנן מטמאין את האדם הטהור לתרומה דמשמע דוקא לתרומה אבל לא לחולין: ואת הטהור לחטאת לא בידיו. כלומר

כמשנה גמרא: (ח) ר"ל לקחת המילוי ולקדש ולהזות הר"מ: (ט) פי' שצריך להטביל ידיו. אבל לא בידיו כלומר לא נטמא גופו לא לתרומה ולא לחטאת בין שנגע בידיו בין בגופו. דלענין זה לא חשיבי כמשקים טמאים. הר"ש:

ח מי חטאת שנפסלו. מטמאין את הטהור לתרומה בידיו ובגופו ואת הטהור לחטאת לא בידיו ולא בגופו. נטמאו מטמאין את הטהור לתרומה בידיו ובגופו. ואת הטהור לחטאת בידיו אבל לא בגופו: ט אפר כשר שנתנו על גבי המים שאינם ראוין לקדש מטמאין את הטהור לתרומה בידיו ובגופו. את הטהור לחטאת לא בידיו ולא בגופו:

אין מטמאין הטהור לחטאת בין נגע בהן בידיו בין בגופו דכמי חטאת כשרים חשיבי והוי דהנושא מי חטאת שיש בהן כדי הזייה או נוגע בהן טמא לכל מילי לחטאת מיהא טהור (ח): נטמאו מטמאים את הטהור לתרומה. כמי חטאת כשרים אבל: את הטהור לחטאת. מטמאים אותו אם נגע: בידיו. דכיון דנטמאו לא גריעי משאר אוכלים ומשקים דמטמאים את הידים וקיימא לן דבטהרת מי חטאת מי שנטמאו ידיו נטמא גופו (ט): ט אפר כשר שנתנו על גבי המים שאינם ראוים לקדש. הוי דינא כדין מי חטאת שנפסלו: מטמאין את הטהור לתרומה בידיו ובגופו. כדין כל שאר מי חטאת הכשרים ואין מטמאים: הטהור לחטאת. שאין מי חטאת מטמאין הנושאן והנוגע בהן אלא לשאר טומאו' לא לטהרת מי חטאת:

---

די וואסער דיא אש פון דיא פרה אדומה אויך: ח מי חטאת שנפסלו וואסער וואס אין זייא איז דא אש פון דיא פרה אדומה אפילו זייא זענען פסול געווארין. פון דעסטוועגין מטמאין את הטהור לתרומה אויב אמענטש וואס איז טהור האט אן גערירט די וואסער איז ער טמא צו תרומה בידיו סאיי ער האט אן גערירט די וואסער מיט די הענט ובגופו אונ סאיי ער האט אן גערירט דיא וואסער מיט זיין גוף איז ער אלץ טמא צו תרומה ואת הטהור לחטאת לא בידיו ולא בגופו אונ אויב אטהור האט אן גערירט די וואסער מיט די אש וואס זענען פסול געווארין סאיי ער האט אן גערירט מיט די הענט אונ סאיי ער האט אן גערירט מיט זיין גוף ווערט ער נים טמא צו דיא פרה אדומה ווער מעג שפריצען כשרה וואסער מיט אש אויף אטמא, אונ ער מעג ארויף שיטען אש אויף וואסער צו הייליגען זייא] נטמאו אויב די וואסער מיט די אש איז טמא געווארין מטמאין את הטהור לתרומה בידיו ובגופו אויב אמענטש וואס איז טהור האט אן גערירט די וואסער איז ער טמא צו תרומה, סאיי ער האט אן גערירט דיא וואסער מיט די הענט אונ סאיי ער האט אן גערירט דיא וואסער מיט זיין גוף ואת הטהור לחטאת בידיו אבל לא בגופו אונ אויב אטהור האט אן גערירט מיט די הענט דיא וואסער איז ער טמא צו דיא פרה אדומה, אבער אז ער האט אן גערירט מיט זיין גוף די וואסער וואס זענען טמא נים מיט די הענט איז ער טהור: ט אפר כשר שנתנו על גבי המים שאינם ראוים לקדש אויב ער האט ארויף גישאטין אש פון דיא פרה אדומה אויף אזעלכע וואסער וואס זענען פסול צו די אש פון די פרה אדומה מטמאין את הטהור לתרומה בידיו ובגופו אויב אמענטש וואס איז טהור האט אן גערירט דיא וואסער מיט די אש איז ער טמא צו תרומה סאיי ער האט אן גערירט מיט די הענט אונ סאיי ער האט אן גערירט מיט זיין גוף את הטהור לחטאת לא בידיו ולא בגופו אונ אויב אטהור האט אן גערירט דיא וואסער מיט די אש, סאיי ער האט אן גערירט מיט דיא הענט אונ סאיי ער האט אן גערירט מיט זיין גוף, איז ער נים טמא צו דיא פרה אדומה. ווער מעג שפריצען כשרה וואסער מיט אש אויף אטמא אונ ער מעג ארויף שיטען כשרה אש אויף כשרה וואסער צו הייליגען זייא]:

## רש"י

מילא פרהבא. קוטו"ן מתוך שהיא לבן נראית בו טיפ' כחרדל ליסנא אחרינא לגמר נקי ורך: פקולין. קוטו"ן:

## גמרא נדה דף י"ז ע"א

ובודקין מטותיהן במילא פרהבא מסייע ליה לשמואל דאמר שמואל אין בודקין את המטה אלא בפקולין או בצמר נקי ורך

---

ובודקין מטותיהן במילא פרהבא די ווייבער פלעגין פארשפרייטין אין די בעטין לייליכער פון ווייסע ליינוואנד, אויב עס וועט זיין אויף דעם לייליך אפלעק פון נדה וועלין זייא דאס באלד דער זעהן מסייע ליה לשמואל דאס איז אראיה צו דעם דין וואס שמואל האט גיזאגט דאמר שמואל ווארום שמואל האט גיזאגט אין בודקין את המטה אלא בפקולין או בצמר נקי ורך מען טאר נים בעזוכין דאס בעט אויב עס איז דא אפלעק פון נדות נאר אז דער לייליך איז פון ווייסע ליינוואנד אדער

**תוספות**

הא בחדתי הא בשחקי. תימה דבפרק קמא דשבועות (דף ז) גבי שאת כלומר לבן שנייה לה בקרום ביצה מפרש כמו גלימא דכיתנא ושחקים משמע שהחדש לבן מן הישן וי"ל דהתם בגלימא שאין רגילות לכבס והכא בחלוק וכיוצא בו שמכבסין תדיר ועוד י"ל דהתם לענין חשיבו' איירי כי הכך דלעיל כגון שכור מלכא וריש גלותא:

**גמרא**

אמר רב היינו דכי הואי התם בערבי שבתות הוו אמרי מאן בעי פקולי בנהמא ולא ידענא מאי קאמרי אמר רבא הני שחקי דכיתנא מעלי לבדיקה איני והא תנא דבי מנשה אין בודקין את המטה לא בעד אדום ולא בעד שחור ולא בפשתן אלא בפקולין או בצמר נקי ורך לא קשיא הא בכיתנא הא במאני דכיתנא ואי בעית אימא הא והא במאני דכיתנא הא בחדתי הא בשחקי:

**רש"י**

דכי הואי התם. בא"י: בערבי שבתות. זמן עונת פרושים ותלמידי חכמים מערב שבת לערב שבת: שחקי דכיתנא. בגדים בלויי' של פשתן. ולא בפשתן שאינו לבן ואין דם ניכר יפה אלא בעד לבן: שחקים. לבנים יותר מן החדשים:

פון ווייסע וואל ריינע און ווייכע. אויב אויף אזוי אלייליך מען געפינט ניט אפלעק, איז דיא אשה טהור, ווארום אז עס וואלט געווען אפלעק אפילו דער קלענסטער פלעק וואלט מען, אים געזעהן אמר רב היינו דכי הואי התם בערבי שבתות הוו אמרי מאן בעי פקולי בנהמי האט רב געזאגט ווען איך בין געווען אין ארץ ישראל האב איך געהערט ערב שבת פלעגט מען זאגן. ואוים רופין ווער דארף אנווייסין לייליך מיט ברויט ולא ידענא מאי קאמרי און איך האב ניט געוואסט וואס זיי זאגן, איצט ווייס איך שוין, ווייל שבת ביינאכט איז די צייט וואס תלמידי חכמים בהעפטין זיך מיט זייערע ווייבער, דריבער האט מען אויסגערופין ווער וויל קויפין אנווייסין לייליך מיט ברויט, דאס ווייב ווערט גערופין ברויט אמר רבא הני שחקי דכיתנא מעלי לבדיקה רבא האט געזאגט אלטע פלאקסענע קליידער איז גיט אוים צו שפרייטין אין בעט מען זאל קענען זעהן אויב עס איז דא אויף זייא אפלעק פון נדות. פרעגט דיא גמרא איני עס איז דאך ניט אזוי והא תנא דבי מנשה דיא תלמידים פון רבי מנשה האבין געלערנט אין בודקין את המטה מען טאר ניט אויסשפרייטין אין בעט לא בעד אדום ניט ארויטין לייליך ולא בעד שחור און ניט אשווארצין לייליך, ולא בפשתן און ניט אלייליך פון פלאקס אלא בפקולין או בצמר נקי ורך נאר מיט אליינוועגדענעם לייליך אדער מיט אלייליך פון ווייכע וואל ריינע, זעהן מיר דאך אז איין פלאקסענעם לייליך טאר מען ניט אויסשפרייטין אין בעט פון אאשה, ענטפערט דיא גמרא לא קשיא עס איז קיין קשיא הא בכיתנא הא במאני דכיתנא אלייליך פון פלאקס מעג מען אויסשפרייטין, קליידער פון פלאקס טאר מען ניט אויסשפרייטין ואי בעית אימא אויב דו ווילסט וועל איך דיר זאגן הא והא במאני דכיתנא ביידע שמועסין פון פלאקסענע קליידער הא בחדתי הא בשחקי מיט נייע פלאקסענע קליידער טאר מען ניט אויסשפרייטין, און מיט אלטע פלאקסענע קליידער מעג מען אויסשפרייטין, ווייל אלטע פלאקסענע קליידער געוואשענע זענען ווייסער וויא נייע פלאקסענע קליידער געוואשענע:

### זוהר יתרו דף פ"ט ע"א

תאנא בהאי יומא דאורייתא מתעטרא בכלא בכל אינון פקודין בכל אינון גזרין ועונשין בשבעין ענפין דנהורא דזהרין מכל סטרא וסטרא. מאן חמי ענפין דנפקין מכל ענפא וענפא חמשא קיימין בגו אילנא כלהו ענפין בהו אחידן. מאן חמי אינון תרעין דמתפתחן בכל סטר וסטר כלהו מזדהרין ונהרין בההוא נהורא דנפיק ולא פסק קל כרוזא נפיק אתערו קדישי עליונין אתערו עמא קדישא דאתבחר לעילא ותתא אתערו חדוותא לקדמות מאריכון אתערו בחדוותא שלימתא אזדמנו בתלת חדוון דתלת אבהן אזדמנו לקדמות מהימנותא דחדווא דכל חדוותא. זכאה חולקכון ישראל קדישין בעלמא דין ובעלמא דאתי דא הוא ירותא לכון מכל עמין עעכו"ם ועל דא כתיב ביני ובין בני ישראל:

## יוסף לחק

### מוסר

משערי קדושה ח"ב שער ד'

ארז"ל כל הכועס אם תלמיד חכם הוא חכמתו מסתלקת ממנו וכו' מנלן ממשה ואלישע וכו' ואמר ליה אליהו ז"ל לרב יהודה

### הלכה פסוקה

הרמב"ם הל' שבת פרק ו'

(א) אומר ישראל לעובד כוכבים ומזלות בשבת לעלות באילן או לשוט על פני המים כדי

אמרו רבותינו זכרונם לברכה די רבנן האבין געזאגט כל הכועס אם תלמיד חכם הוא חכמתו מסתלקת ממנו דער מענטש וואס איז אין כעס אויב ער איז אתלמיד חכם ווערט דיא חכמה אפגענומען פון אים מנלן ממשה ואלישע דאס ווייסין מיר פון משה רבינו און פון דעם נביא אלישע, ווען משה רבינו איז בייז געווארין איז פון אים פארגעסין געווארין אדין, און ווען אלישע איז בייז געווארין איז פון אים אפגענומען געווארין דיא נבואה ואמר ליה אליהו זכרונו לברכה לרב יהודה אליהו הנביא האט

(א) אומר ישראל לעכו"ם בשבת לעלות באילן או לשוט על פני המים איד מעג זאגן צו עכו"ם אים שבת ער זאל ארויף גיין אויף אבוים אום שבת אדער ער מעג זאגן צום עכו"ם אום שבת ער זאל שווימען אויף דעם וואסער אום שבת כדי

להביא לו שופר או סכין למילה או מביא לו מחצר לחצר שאין עירוב ביניהן מים חמין להרחיץ בהם קטן ומצטער וכן כל כיוצא בזה: (ב) הלוקח בית בא"י מן העכו"ם מותר לו לומר לעכו"ם לכתוב לו שטר בשבת דאמירה לעכו"ם בשבת אסורה מדבריהם ומשום ישוב א"י לא גזרו בדבר זה וכן הלוקח בית מהם בסוריא שסוריא כא"י לדבר זה:

ז"ל תרתח ולא תחטא ובזוהר פרשת תצוה אי בר נש כעיס עקר מניה נשמתיה עלאה קדישא למשרי באתרא סטרא אחרא ודא איהו בר נש דמריד במריה ואסור לאתקרבא בהדיה ודא איהו טורף נפשו באפו וכו' דטריף נפשי' ואשרי באתרה אל זר וכו' כי במה נחשב הוא ע"ג איקרו ומאן דאשתעי עמיה כאלו אתחבר לע"ג ממש דע"ג ממש שריא בגווי' ואסור לאסתכלא באנפוי ועליה כתיב אל תפנו אל האלילים וע"ד כתיב אלהי מסכה לא תעשה לך וכל מסאבין אתדכיין בר מהאי בגין דמסאיב גופא מגיו ומבר ונפשא כולא מסאיב ואפי' כד אתי בר נש ועקר לההוא זר מגוי' מכל וכל לעלמין ולבתר אשתדל לאתקדשא ולאמשכא ההיא קדישא דנשמתא קדישא עליה כדין ולואי דאתקדש דכיון דערקת מניה זמנא חדא כמה יעביד בר נש עד דתיתוב לאתראה:

להביא לו שופר או סכין למילה ער זאל ברייננען פון בוים אדער פון דיא אנדערע זייט טייך אשופר צום בלאזין ראש השנה אדער אמוהל מעסער צו מיל זיין אקינד או מביא לו מחצר לחצר שאין עירוב ביניהן מים חמין להרחיץ בהם קטן ומצטער אדער ער מעג זאגין צום עכו"ם אום שבת ער זאל ברייננען ווארעמע וואסער אום שבת פון איין הויף אין אנדערין הויף וואס דיא הייפין האבין ניט געמאכט א עירוב צו זאמען, אונ מיט די וואסער וועט ער באדין אקליין קינד וואס האט צער פון די מילה וכן כל כיוצא בזה אונ נאך אזעלכע זאכין וואס מען מעג זאגין צו עכו"ם ער זאל טאהן אום שבת: (ב) הלוקח בית בארץ ישראל מן העכו"ם מותר לו לומר לעכו"ם לכתוב לו שטר בשבת אז איינער האט געקויפט אשטוב אין ארץ ישראל פון אבנעני מעג ער זאגין צום בנעני ער זאל שרייבין אפילו אום שבת אז ער האט אים פארקויפט די שטוב דאמירה לעכו"ם בשבת אסורה מדבריהם זאגין א- עכו"ם ער זאל טאהן אמלאכה אום שבת האבין נאר די רבנן געאסרת ומשום ישוב ארץ ישראל לא גזרו בדבר זה אונ ווייל ארץ ישראל זאל בעוואהנט ווערין מיט יודין האבין די רבנן ניט געאסרת צו זאגין דעם עכו"ם ער זאל שרייבין אפילו אום שבת ער פארקויפט דעם יודין דיא שטוב וכן הלוקח בית מהם בסוריא אונ אז איוד קויפט אשטוב פון עכו"ם אין סוריא, מעג אויך דער יוד זאגין צום עכו"ם ער זאל שרייבין אפילו אום שבת אז ער פארקויפט אים דיא שטוב שסוריא כארץ ישראל לדבר זה ווארום סוריא האט דעם דין וויא ארץ ישראל צו דיא זאך:

גיזאגט צו רב יהודה לא תרתח ולא תחטא זאלסט ניט בייז ווערין וועסטו ניט זינדיגען ובזוהר פרשה תצוה עס שטייט אין זוהר אין דיא סדרה תצוה אי בר נש כעים עקר מניה נשמתיה עלאה קדישא למשרי באתרא סטרא אחרא אויב דער מענטש איז אין כעס גייט אוועק פון אים זיין נשמה די הייליגע וואס ער האט פון הימעל, אונ אויף דעם ארט פון די נשמה קומט ארוח טומאה ואלעבונג פון טומאהו ודא איהו בר נש דמריד במריה אונ דאס איז דער מענטש וואס האט געזינדיגט געגין גאט ואסור לאתקרבא בהדיה אונ מען טאר ניט גינענען צו אים ודא איהו טורף נפשו באפו דאס איז דער מענטש וואס האט ארוים גענומען פון זיך זיין נשמה מיט זיין כעס דטריף נפשיה ואשרי באתרה אל זר ער האט פון זיך ארוים גענומען זיין נשמה אונ האט געמאכט רוהען אויף איר ארט אפרעמדין גאט כי במה נחשב הוא ווארום מיט וואס איז ער גירעכנט עבודה אלילים אקרי ער ווערט גערופין עכו"ם ומאן דמשתעי עמיה כאלו אתחבר לעבודה אלילים ממש אונ דער מענטש וואס שמועסט מיט אים איז גליך ווי ער וואלט זיך בהעפט צו דיא עכו"ם דעבודה זרה ממש שריא בגויה ווארום אין אים רוהט דיא עבודה זרה ואסור לאסתכלא באנפוי אונ מען טאר ניט קוקען אין זיין פנים ועליה כתיב אל תפנו אל האלילים אויף אים זאגט דער פסוק איר זאלט אייך ניט קערין צו דיא עכו"ם ועל דא כתיב אלהי מסכה לא תעשה לך אויף דעם זאגט דער פסוק דו זאלסט דיר ניט מאכין אגינאסענעם גאט [גינאסין פון אמאט-ריאל] וכל מסאבין אתדכיין אלע וואס ווערין טמא קענען ריין ווערין פון זייער טומאה בר מהאי נאר דער מענטש קען ניט ריין ווערין בגין דמסאיב גופא מגיו ומבר ווייל ער האט מטמא גיווען זיין גוף פון אינווייניג אונ פון אויסווייניג ונפשא כולא מסאיב אונ דיא נשמה אין גאנצין איז טמא ואפילו כד אתי בר נש ועקר לההוא זר מגויה מכל וכל לעלמין אונ אפילו דער מענטש וועט קומען אונ וועט אויס-רייסין דיא עבודה זרה פון אינווייניג אין גאנצין אויף אייביג ולבתר אשתדל לאתקדשא ולאמשכא ההיא קדושה דנשמתא קדישא עליה אונ נאכדעם וועט ער זיך מטריח זיין ער זאל זיך הייליגען אונ ער זאל צוריק ארויף ציהען דיא הייליגקייט פון דיא הייליגע נשמה אויף זיך כדין ולואי דאתקדש הלואי ווערין דכיון דערקת מניה זמנא חדא ווייל די נשמה איז שוין איין מאהל געהייליגט ווערין דכיון דערקת מניה זמנא חדא ווייל די נשמה איז שוין איין מאהל פון אים אנטלאפין כמה יעביד בר נש דתיתוב לאתרה וועט שוין דער מענטש דארפין פיל תשובה טאהן ביז די נשמה זאל צוריק קומען אויף איר ארט:

(לד) **מבואר** במדרש הנעלם כי כל תיבה שבקריאת שמע מרפאת אבר אחד, ע"כ צריך לדקדק מאוד בקריאתה כמי שמונה מרגליות לבל יפיל תיבה אחת ארצה בערבוב מחשבה אחרת:

(לה) **האר"י** ז"ל היה משים הציצית בידו השמאלית נגד החזה עד ואמונתו לעד קיימת, ואף כי הטעם נפלא ואין שוה להבין לכל אדם על כל זה יעשה כן כל אדם:

(לו) **אמת** ויציב וכו' כל זה קאי אתיבת הדבר הזה שאומר אח"כ כן הוא מבואר בתוספת פ"ק דברכות, ומאבודרהם נראה שאמת ויציב קאי אמה שאמר לפני זה אני ה' אלהיכם, ותיבת ומתוקן וכו' קאי אהדבר הזה. ועי"ז נדפס בסידורים פסיק בין ואדיר למתוקן, אבל העיקר נ"ל כדעת התוספת כנזכר:

(לז) **מהרי"ל** היה עומד להתפלל י"ח ברכות כשהגיע לתהלות לאל עליון ולא קודם:

(לח) **דע** כי דעת הזוהר שלא להפסיק כלל בין גאולה לתפלה וכן דעת הפוסקים הראשונים שלא לומר תיבת אמן אחר גאל ישראל שלא להפסיק, אבל הטור כתב דשרי לענות אמן ולא עוד אלא דמצוה לענות, וכן כתב רמ"א בש"ע, ודע כי המגיד שנתגלה לב"י החזיק לו טובה על זה שכתב בש"ע שלו שלא לומר אמן והשיג אבעל הטורים, וכן ראוי לנהוג וישר הוא ואין לשנות. ובכתבי האר"י ז"ל כתוב אין לענות אמן אחר גאל ישראל כי אין להפסיק בין גאולה לתפלה, כי היא אש עד אבדון תאכל ח"ו:

(לט) **בגין** דא צריכין אנו להודיע טעות הרבה בני אדם אפילו לומדים שעושים כן שממתינים בגואלנו ה' צבאות עד שמסיים ש"ץ גאל ישראל ועונין אמן ואחר כן אומרים גואלנו וכו' להסמיך גאולה לתפילה והוא טעות גדול שהרי מכי מתחיל יוצר אור עד סוף י"ח ברכות אסור להפסיק בשום דבר בעולם אפילו דבר שבקדושה זולת לקדיש וקדושה וברכו ואמן דהאל הקדוש ואמן דשומע תפלה והרי הוא עומד עכשיו באמצע הפרק דהיינו באמצע הברכה שאחר ק"ש שהיא אמת ויציב שמסיימת גאל ישראל ואם כן האיך מפסיק באמן דגאל ישראל שאינו רשאי להפסיק לשום אמן כי אם להנזכר לעיל:

(מ) **מבואר** בזוהר המתפלל י"ח ועיניו אינם סגורות שאינו זוכה לראות פני השכינה קודם מיתתו כמו כל בר ישראל זכאי, ואם מתפלל מתוך הסידור הוי כמו עיניו סגורות וכמו שכתוב בספר מטה משה:

## נעתק מספה"ק עבודת הקודש ח"א
## למרן החיד"א זללה"ה

אחר תפלה ישתדל ללמוד סדר היום בסדר חק לישראל כי הוא סדר נאה דרך קצרה וכשרה וזוכה במעט זמן לקרות תנ"ך ולשנות משנה וגמרא וזהר והאיש הירא ה"ק נתן ולא יעבור כי הוא תועלת עצום לנפשו קרי"ה נאמנה הזאת נעמי וגם ילמוד תנ"ך בתרגום כמ"ש האר"י ז"ל ושם ימצא הכל מוכן אמנם יש בו טעויות הרבה וצריך להבין ולהרגיש הטעות ובנביאים וכתובים ילמוד פעם אחת מקרא ופעם תרגום ולא יכוין בכוונות הכתובים שם כי הם מלאי השגיאה גם לא יאמר התפלות שבראש הס' (ועתה נדפס חק לישראל בסדר יפה ונחמד):

## נעתק מספה"ק שארית ישראל המיוחד שבתלמידי הגה"ק מוהר' ר' מרדכי מטשארנאביל זצוק"ל.

### שער השובבים דרוש א

**והנה** הרואה יראה בספר הקדוש שנקרא חק לישראל שהוא תיקון לפגם הברית. ככה קבלתי מרבותי שתיקון האמיתי הוא ע"י התחברות תורה שבכתב עם תורה שבע"פ ע"י חק לישראל. ורמז לזה וחוק בשארו שם וכו'. ע"כ בעקבות משיחא אלו יצא לאור ספר „יוסף לחק" מהצדיק הגדול רבי **חיד"א** תלמידו של ר' **חיים** אבן עטר בעל האור החיים שיש בו שני אורות תרין משיחין משיח בן דוד ומשיח בן יוסף בסוד צדיק הכולל המתקן פגם של כל ישראל. הרואה יראה כי בימים האלו בימי שובבי"ם ת"ת תיקונים גדולים לפגם ברית המעור והלשון ככ"ל ויש בהם רזין עילאין רזין דרזין כו'.